STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03312

SEFER TEHILIM VE-SHIRE TSIYON BA-HARUZIM

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

רעוו. בן־ציון יפה, ש״ץ

ספר תהלים
ושירי ציון בחרוזים

THE PSALMS OF DAVID

IN RHYME

TRANSLATED BY

REV. BENJAMIN JAFFE

NEW YORK

1942

ספר תהלים

ושירי ציון בחרוזים

אין גראַמען

(תרגום חפשי)

א פרייע פּאָעטישע איבערזעצונג, לויט די מאָטיווען פון ספר תהלים

— מאת —

בן־ציון יפה, ש״ץ

בדפוס האחים שולזינגער

ניו - יאָרק

תש״ג

Copyright 1942 *by*
REV. BENJAMIN JAFFE

All rights reserved.
כל הזכויות שמורות

אזהרה ובקשה

אזהרה רבה, לבל יעיז שום אדם בשום מקום להדפיס את תרגום ספרי „ספר תהלים ושירי ציון בחרוזים" מספר התהלים בלי רשותי, וגם אסור לחבר על איזה מהם נגינה (מוזיק), הן מצד דין תוה"ק והן מצד דינא דמלכותא. ולהשומע יונעם, ותבוא עליו ברכת טוב.

המחבר

A REQUEST AND A WARNING

It is forbidden to reprint any part or the entire book of "Psalms of David" without the express permission from the author. It is also forbidden to compose any music for any one or all of its chapters.

THE AUTHOR

בדפוס האחים שולזינגר
PRINTED IN THE UNITED STATES OF AMERICA BY
SHULSINGER BROS. LINOTYPING & PUBLISHING CO.
23 EAST 4TH STREET, NEW YORK, N. Y.

אינהאלט:

אשרי האיש 13
למה רגשו גוים 14
ד׳ מה רבו צרי 15
למנצח בנגינות מזמור לדוד 16
למנצח אל הנחילות 17
למנצח בנגינות על השמינית 18
שגיון לדוד 19
למנצח על הגתית 20
למנצח על מות לבן 21
למה ד׳ תעמוד ברחוק 23
למנצח לדוד 24
הושיעה ד׳ כי גמר חסיד 25
למנצח מזמור לדוד 26
למנצח לדוד 27
ד׳ מי יגור באהלך 28
מכתם לדוד 29
תפלה לדוד 30
למנצח לעבד לד׳ 31
למנצח מזמור לדוד 33
יענך ד׳ ביום צרה 34
למנצח מזמור לדוד 35
למנצח על אילת השחר 36
ד׳ רעי לא אחסר 38
לדוד מזמור 39
לדוד אליך נפשי אשא 40
לדוד שפטני ד׳ 42
לדוד ה׳ אורי 43
לדוד אליך ד׳ אקרא 45

מזמור לדוד הבו לד׳ 46
מזמור שיר חנכת 47
בך ד׳ חסיתי 48
לדוד משכיל 50
רננו צדיקים בד׳ 51
לדוד בשנותו את טעמו 53
ריבה ד׳ את יריבי 55
למנצח לעבד ד׳ 57
אל תתחר במרעים 58
מזמור לדוד להזכיר 61
למנצח לידותון מזמור לדוד 63
למנצח לדוד מזמור 64
אשרי משכיל אל דל 66
למנצח משכיל לבני קרח 67
שפטני אלהים 69
למנצח לבני קרח משכיל 70
למנצח על שושנים 72
למנצח על עלמות שיר 73
למנצח לבני קרח מזמור 74
שיר מזמור לבני קרח 75
למנצח לבני קרח מזמור 76
מזמור לאסף 78

הקדמה

יתברך הבורא שזכני לחבר את ספרי ספר תהלים ושירי ציון בחרוזים, אשר לא בחיל ולא בכח כי אם ברוח פי׳ ד׳. עמלתי ויגעתי עליו עד אשר קלעתי אל המטרה להוציא מכח אל הפועל את תמצית תכן דברי קדש של התהלים בשפת יהודית המדוברת אשר כל אחד יבין את זאת. אמנם רק חמשים שירים המה אבל אקוה, כי בעזה״ש אוציא את יתר המאה בקרוב, וטרם אכלה לדבר, מצאתי חוב להריק ברכה לכל אלה אשר עזרוני להדפים את ספרי זה.

יזכרם אלהים לטובה, וכלם יעמדו על הברכה ויחיו חיי ענג בנחת ויזכו לראות בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות כחפצם וחפץ מוקירם ומכבדם כערכם הרם

בן ציון לבית **יפה** ש״ץ

הזכרת נשמות

לזכר נשמת אדוני אבי מורי חכם ומשכיל
מרדכי צבי ב״ר בן ציון ז״ל
נפטר ערב סוכות שנת תר״צ.
מנוחתו כבוד על חלקת השדה הר ציון בברוקלין, ניו־יורק.
ת נ צ ב ״ ה .

•

לזכר נשמת אמי מורתי, אם רחמניה ומשכלת
שיינע בת ר׳ יעקב ז״ל
נפטרה י״ג תמוז שנת תרפ״ז.
מנוחתה כבוד על חלקת השדה הר ציון בברוקלין, ניו־יורק.
ת נ צ ב ״ ה .

•

לזכר נשמת חותני היקר והנכבד
מר ר׳ משה לייב ב״ר יוסף ז״ל

ונשמת חותנתי היקרה
מרת רבקה בת ר׳ משה הקדוש ז״ל

וואָס דער סעקרעטאַר פון אגודת הרבנים דארצות הברית וקנדה,

הרב הג' ר' יהודא ליב זעלצער,

שרייבט וועגען דיזען ספר:

הנה המוכ"ז הנכבד הש"ץ ר' בן־ציון ב"ר מרדכי צבי ז"ל יפה מילידי עיר שציצין פלך ווילנא, הראה לפני את מעשי ידיו, קונטרס ספר תהלים, ושירי ציון בחרוזים בשפת יהודית המדוברת עפ"י הסגנון והמוטיבים של ספר תהלים. עברתי על הרבה מהם והנם נקראים בנקל ובעונג רב, ואקוה שברכה בהם לרבים מאחינו אשר יקראו אותו בחשק רב. ואפריון נמטי' למחבר המוכ"ז על כשרונו הטוב.

הנני בברכה,

יהודא ליב זעלצער

רב בברוקלין, ניו־יורק

וואָס דער באַוואוסטער תלמיד חכם און משכיל,

חזן יוסף מארגענשטערן,

שרייבט וועגען דיזען ספר תהלים איבערזעצונג:

שפעת שלום ונועם החיים לידידי רעי וחברי מוה"ר ר' בן־ציון נ"י ויזרח ככוכבי אור למשפחת יפה במדותיו ובמעשיו.

זה לי ימים אחדים חלפו ועברו מיום פגשתיך סמוך לבית משכן כבודך ומעשי כתב ידך במליצה שירות ותשבחות מסבות משבצות זהב משלבות אשה אל אחותה בשכל עמוק וישר על הספר אשר כנור היה תלוי על ראש המחבר והיה לנגן מעצמו זה „תהלים", קראתיו בשבת אחים גם יחד נגד השמש המרפא, בכנפיה. שאפתי רוח צח מעל שפים. גם נחתרני מפרי עטך סופר מהיר לסלסל מלה במלה למען הוציא דבר דבור על אופניו בבינה ובהשכל במשל ומליצה. ועתה ידידי הנאמן קח נא מנחתי יחד עם ברכתי והיושב על חוג הארץ יאמץ חילך וכוחך להגות בתורתו בהרחבת הלב ובהרחבת הדעת.

זאת ברכת ותפלת השחר,

יוסף מורגנשטרן ש"ץ

וואָס דער באַוואוסטער זשורנאַליסט און רעדאַקטאָר פון „אַמעריקאַנער",

זלמן זילבערצווייג,

שרייבט וועגען דער איבערזעצונג פון ספר תהלים:

מיין ליבער פריינד, חזן בן־ציון יפה:

עס פרעהט מיך זעהר, וואָס איהר האָט ענדליך זיך אָנגענומען מיט מוט און זיינט צוגעטראָטען ארויסצוגעבען, אין בוך־פאָרם, אייער פרייע איבערזעצונג פון „תהלים" אין גראַמען.

שוין אין די ערשטע שריט, וואָס אונזער אידישע ליטעראַטור האָט געמאַכט, איז געווען א אידישע איבערזעצונג פון דעם איין־און־איינציגען לויב־און־טרייסט־בוך „תהלים". דערמיט האָט מען אונזער וואַכעדיג אידיש לשון אָנגעטאָהן א היילינען מלבוש. מיט יעדער ווייטערדיגער אַנטוויקלונג, וואָס די אידישע שפּראַך האָט אָנגענומען, זיינען געוואַקסען די צאָהל פּרואווען איבערצוזעצען „תהלים" אין אידיש. אייער פּרואוו ווערט געמאַכט אין א צייט, ווען נאָך קיינמאָל, ווי פריהער, נויטיגען זיך די ברייטע אידישע מאַסען אין א טרייסט־און דערמוטיגונגס־וואָרט, אין א שפּראַך, וועלכע זיי פאַרהייליגען ניט, אָבער אין וועלכער זיי לעבען און פאַרשטעהען יעדעס וואָרט, וואָס זיי זאָגען ארויס אין איהר.

אין אייער אידישער גראַמען־פּאַראַפראַזירונג, וועלכע איך, אלס רעדאַקטאָר פון „אמעריקאַנער", האָב געהאַט דאָס פאַרגעניגען דער ערשטער צו דרוקען און אייך מונטערען אָנצוגעהן ווייטער מיט אייער ארבייט, האָט איהר גוט אויפּגעפּאַסט, אַז „תהלים" איז ניט קיין רעליקוויע, אָן אויסדרוק פאַר א פאַרגאַנגענער צייט, נאָר, אַז די תורה איז אייביג און א „תורת־חיים", אַז מיר לעבען אין איהר יעדען טאָג און יעדע שעה פון אונזער היינטיג לעבען. דעריבער קען מען אַזוי אָפט טרעפען אין אייער פרייער איבערזעצונג אָנדייטונגען און אָפט אָפענע און קלאָהרע אויסדרוקען פון אונזערע געפיהלען היינט צו טאָג.

דערמיט האָט איהר אייער אידישע „תהלים"־איבערזעצונג פאַרבונדען מיט אונזער היינטיג טרויעריג לעבען, וואָס נויטיגט זיך שטאַרק אין דעם טרייסט, וואָס מען געפינט נאָר אין תהלים.

אייער מיט אכטונג

זלמן זילבערצווייג

What RABBI SIMON G. KRAMER, of the Hebrew Institute of University Heights, Bronx, N. Y., writes:

I am pleased to state that I have looked over, with a great deal of pleasure, the translation in Yiddish of some fifty of the Psalms of David (Thillim) made by Reverend Cantor Benjamin Jaffe. A number of other poems on religious Jewish subjects by Reverend Benjamin Jaffe show a fine understanding of Jewish liturgical subjects as well as fine poetic style.

Surely Jews everywhere, interested in the cultural treasures of our people in both Hebrew and Yiddish languages will do everything possible to help Reverend Jaffe in his work.

(Signed) RABBI SIMON G. KRAMER

אשרי האיש

(אויפ׳ן מאָטיוו פון תהלים קאפיטעל א׳)

וואויל איז דעם מענשען, וועלכער געהט אין גאָט׳ס וועג,
דאן פארשטעהט ער, וואָס מ׳טאָר ניט, און וואָס מען מעג.
און אויב ער לערענט נאָך כאָטש אביסעל אונזער תורה,
וועט איהם שטענדיג היטען דער גרויסער בורא.
אזא מענש וועט זיין ווי א בוים, וואָס וואקסט נעבען וואסער,
מזל ברכה וועט צו איהם קומען, טיילען וועט ער מעשר.
אבער, ניט אזוי וועט זיין דער פאל מיט די רשעים,
באקומען וועלען זיי זייער שטראָף, אָט די אנשים רעים,
ווי א שטרוי וועלען זיי צופליהען פאר׳ן ווינט,
קומען וועט עס גאָר פלוצלינג און געשווינט.
גאָט ווארט לאנג, און גיך וועט ער באצאָהלען,
די בלוט זויגערס אונזערע ווי אַ מיהל וועט ער זיי צומאָלען.
ווייסען ווייסט ער דעם וועג פון די גערעכטע,
נקמה וועט ער נעהמען פון אונזערע שונאים די שלעכטע.

למה רגשו גוים

(אויפ׳ן מאָטיוו פון תהלים קאפיטעל ב׳)

וואָס רעגט איהר זיך אויף, אָ גוים,
וואָס מורמעלט איהר דומהייט, איהר אנשים רעים?
הערשער פון לענדער טוהען זיך שטעלען,
אויף גאָט און זיין געזאלבטען — ווילען זיי באַפעהלען.
צורייסען לאָמיר זייערע בענדער און שטריק,
וועט עס זיין פאר אונז א גרויסער גליק.
אָבער דער וואָס זיצט אין הימעל טוהט לאכען,
ער וועט פון זיי אש און שטויב מאכען.
אויסלאָזען וועט ער זיין כעס און צאָרען,
זיי וועלען פארשעלטען דעם טאָג פון זייער געבוירען.
מיין קעניג איבער ציון — געזאלבט האָב איך,
בריינגען וועט ער פאר מיר די ישועה גיך.
בעט פון מיר, וועל איך דיר אלץ געבען,
דו ביסט מיין זוהן, — וועסט נאָך אויפלעבען.
צוברעכען וועסטו זיי מיט אַן אייזערנעם רוט,
איהר, קעניגען, ווערט קליגער, וועט אייך אויך זיין גוט.
דינט גאָט מיט רעספעקט און מורא,
און היט בעסער אָפּ זיין הייליגע תורה.

ד׳ מה רבו צרי

(אויפ׳ן מאָטיוו פון תהלים קאַפּיטעל ג׳)

אָ, גאָט, ווי גרויס זיינען מיינע באליידיגער,
פארטיליג די פאלשע נביאים פרעדיגער!
טוה עס צוליב מיינע שונאים, וועלכע טוהען זאָגען:
ניטאָ קיין הילף פאר מיר, מיר וועלען דיך פלאָגען!
אָבער דו, גאָט, ווערסט מיך באשיצען,
אין אלע צייטען — אין קעלט און אין היצען.
מיט מיין שטימע טהו איך, גאָט, רופען אצינד,
געענטפערט האָט ער מיר, כרחם אָב צו א קינד.
געלייגט האָב איך זיך און געשמאַק געשלאָפען,
פאר וועמען האָב איך מורא, אויב צו גאָט טהו איך האָפען?
שטעה אויף אָ, גאָט! שלאָג אלע מיינע פיינד אין באַק,
די צייהנער פון די רשעים זעה צעהאַק!
נאָר דורך דיר קען אונזער הילף זיין,
און די זון וועט פאר. אונז געבען אויך א שיין.

למנצח בנגינות מזמור לדוד

(אויפ׳ן מאָטיוו פון תהלים קאפיטעל ד׳)

אַ! ענטפער מיר, ווען איך רוף צו דיר,
מיין גערעכטיגער גאָט, ווען איך בעט ביי דיר.
מענשען קינדער! ביז וואנען וועט איהר מיין כבוד שענדען?
און אויף דומהייטען, ליגענס, אייער צייט פארשווענדען.
זייט וויסען, אז די פרומע האָט ער אָפגעטיילט פאר זיך,
זייער געבעט וועט ער דערהערען גאָר גיך.
אָ! ציטערט פאר מיר, קיין פעהלער ניט מאַכט,
אויפ׳ן געלעגער, אין אייער האַרץ, גיט א טראכט.
פילע זאָגען. ווער קען אונז גוטס באווייזען?
זייערע רייד שטעכען, ווי דראָטען — אייזען.
דו האָסט אריינגעגעבען אין מיין האַרץ אביסעל פרייד,
זייער קאָרן און וויין איז פארמעהרט, אראָפּ איז מיין לייד.
צוזאַמען מיט פרידען וועל איך מיר לייגען און שלאָפען,
דו ביזט דער איינציגער, צו וועמען איך טהו האָפען.

למנצח אל הנחילות

(אויפ׳ן מאָטיוו פון תהלים קאפיטעל ה׳)

פארנעהם, אָ, גאָט די רייד מיינע,
דו פארשטעהסט דאָך מיינע געדאנקען, די פיינע.
גאָט ! אינדערפריה זאָלסטו מיין שטימע דערהערען,
וואו איך וועל זיך נאָר ווענדען און קעהרען.
דו ביזט דאָך ניט אַ גאָט פון טאָהן שלעכטס,
דו קענסט דאָך ניט פארליידען יענעמס קרעכץ.
ליגען־זאָגער און פאלשקייט האָסטו פיינט,
שוין ניט פון נעכטען און ניט פון היינט.
איך, אָבער, וועל בעטען דיין חסד ביי דיר,
בוקען וועל איך מיר, צו דיין פאלאץ ביי דער טיר.
אָ, גאָט ! פיהר מיך אין דיין גערעכטען וועג,
איך זאָל דיר קענען דינען אלע מיינע טעג.
אין זייער מויל איז ניטאָ קיין איין אמת וואָרט,
זייער האַלז איז א קבר, וואו מ׳באגראָבט דאָרט.
אזוינע מענשען דארפסטו, גאָט, פארדאמען,
אזעלכע פארברעכער — פון דער וועלט אויסראמען !
פרעהליך וועלען זיין נאָר די יעניגע מענשען,
די אמת׳ע עהרליכע וועסטו געוויס בענשען.
ווי א פאַנצער זאָלסטו זיי באַשיצען,
אין אלע צייטען — אין קעלט און אין היצען.

למנצח בנגינות על השמינית

(אויפ׳ן מאָטיוו פון תהלים קאַפיטעל ו׳)

אָ, גאָט! ניט אין דיין כעס זאָלסטו מיך שטראָפען,
דו ביזט דער איינציגער, צו וועמען איך טהו האָפען.
זעה, אָ, גאָט, ווי אומגליקליך איך בין,
אלע פעלקער האַסען מיך אזוי ווי א שפין.
אָ, הייל מיר, גאָט, צוטרייסעלט זיינען מיינע ביינער,
פאר מיין גוטסקייט באַצאָהלט מען מיר מיט שטיינער.
איך בין זעהר צושראָקען, — ביז וואנען, ווי לאַנג?
מען דריקט מיין קערפער, אזוי ווי מיט אַ צוואנג.
אָ, ראטעווע, גאָט! העלף מיר אין מיין נויט,
ניט אין גרוב קען מען דיר דערמאָהנען, ווען מ׳איז שוין טויט.
איך בין מיד פון קרעכצען אויף מיין בעט יעדע נאַכט,
אויסגעווייקט מיט טרערען — ווען מיינע צרות איך באַטראכט.
טרעט אָפּ פון מיר, איהר, וועלכע האָט מיר געטאָהן שלעכטס,
ווייל גאָט האָט דערהערט מיין געוויין, מיין קרעכץ.
פארשעהמט און דערשראָקען וועלען מיינע פריינד ווערען,
וואו זיי וועלען זיך ווענדען און קעהרען.

שגיון לדוד

(אויפ׳ן מאָטיוו פון תהלים קאפיטעל ז׳)

גאָט, מיין האַר, איך פארטרוי מיך אין דיר,
פון אלע מיינע פארפאָלגער — ראטעווע מיר.
ווי א לייב זאָל ער מיר ניט צורייסען,
מיינע גלידער פון קערפער — זאָל ער ניט צובייסען.
מיין האַר ! אויב אומרעכט אין מיינע הענט האָב איך,
און אויב מיין פריינד באַצאָהלט מיט שלעכטס גיך,
זאָל דער שונא מיך כאַפּען, און מיין לעבען צוטרעטען,
אויף מיר אליין טהו איך עס ביי דיר בעטען.
שטעה אויף, אָ, גאָט, אין דיין צאָרן,
און זעה, וואָס פון מיר איז געוואָרען.
אורטייל מיך, גאָט, לויט נאָך מיין גערעכטיגקייט,
און לויט נאָך מיין שולד, — נוץ דיין מעכטיגקייט.
אן ענדע זאָל נעהמען צום רשע׳ס פארברעכען,
ניט קענען דעם צדיק — מיט זיינע שפיזען שטעכען.
דער, וועלכער גראָבט א גרוב אויף יענעם,
וועט סוף כל סוף אריינפאלען אינ׳ם זעלבען גהינום.
איך וועל לויבען גאָט, לויט נאָך זיין גערעכטיגקייט,
ווייל נאָר ער קען באַווייזען זיין גבורה, זיין מעכטיגקייט.

למנצח על הגתית

(אויפ'ן מאָטיוו פון תהלים קאפיטעל ח')

ווי שטאַרק איז דיין נאָמען, גאָט, אונזער האַר,
חקירה'ן זיך אין דיין יצירה — מוז מען בלייבען אַ נאַר.
איך זעה דיינע הימלען, וועלכע דו האָסט געמאַכט;
די לבנה און שטערען, — ווען איך באַטראַכט.
איך קלעהר: וואָס איז דער מענש, זאָלסט איהם דערמאָהנען?
און דער ערד, קינד, — דו זאָלסט איהם דערקאָנען.
מיט עהרע און פראכט האָסטו איהם באַקרוינט,
מיט דיין חכמה און וויסענשאַפט — איהם באַשעהנט.
געלאָזט האָסטו איהם געוועלטיגען איבער דיין באַשאַף,
און ניט געמאַכט דעם מענשען פאַר אַ שקלאַף.
אלצדינג האָסטו אין זיינע הענט געגעבען,
שאָף און רינדער, געזונד און לעבען.
אויף די פויגלען פון הימעל פאר א הערשער געמאַכט,
און פארשטאַנד צום מענשען — צו געבען אַ טראכט.
ווי שטאַרק איז דיין נאָמען, גאָט, אונזער האַר,
חקירה'ן זיך אין דיין יצירה — מוז יענער בלייבען אַ נאַר.

למנצח על מות לבן

(אויף'ן מאָטיוו פון תהלים קאפיטעל ט')

מיט'ן גאַנצען האַרצען באַדאַנק איך גאָט,
דערצעהל זיינע וואונדער, וואָס ער געמאַכט האָט.
דו האָסט ארויסגעטראָגען מיין משפט, מיין דין,
זיך געזעצט אויפ'ן שטול, אורטיילען יעדען מין.
האָסט איבערגעשראָקען פעלקער, פארברעכער אומגעבראכט,
זייער נאָמען אָפגעמעקט — איך נעהם עס אין אכט.
אָבער גאָט אייביג עקזיסטירט,
זיין וועלט, ווי אזוי ער וויל, — ער פיהרט.
ער וועט משפט'ן זיין וועלט מיט גערעכטיגקייט,
אורטיילען נאַציאָנען מיט יושר און מעכטיגקייט.
גאָט וועט א פעסטונג זיין פאר'ן דערשלאָגטען,
אַ פעסטונג אין נויט — פאר'ן געפלאָגטען.
דער, וואָס וואוינט אין ציון, זינגט צו גאָט,
דערצעהלט זיינע מעשים, וועלכער אלעס באַשאַפען האָט.
פאר'ן פארגיסען אומשולדיג בלוט, וועט ער פאָדערען,
ציהען וועט ער פון זיי, איינציגווייז, די אָדערען.
איך זאָל קענען דיינע שבחים דערצעהלען,
ווען דו, גאָט, וועסט מיינע וואונדען פארהיילען.
פעלקער זיינען אין זייער אייגען גרוב געזונקען,
אין זייער נעץ, — ווי אין וואסער דערטרונקען.
גאָט איז דורך זיין שטראָף געוואָרען באַוואוסט,
וויל טאָהן אזוי האָט ער געמוזט.

אין גרוב וועלען אוועקגעהן אלע רשעים,
די, וועלכע פארגעסען גאָט, — אָט די פגע רעים.
אויף אייביג וועט דער אָרעמאַן ניט פארגעסען ווערען,
זיין זון וועט נאָך שיינען — וואו ער וועט זיך קעהרען.
שטעה אויף, אָ, גאָט! קיין מענש זאָל ניט וואגען,
איין פאָלק זאָל ניט קענען דעם אַנדערען פלאָגען.
ווארף אויף זיי אָן אַ מורא און ציטערניש,
זאָלען זיי אויך פארזוכען דעם טעם פון ביטערניש.

למה ד׳ תעמוד ברחוק

(אויפ׳ן מאָטיוו פון תהלים קאַפּיטעל י׳)

וואָרום, אָ, גאָט, פון דערווייטען דו שטעהסט ?
פאַרבאָרגסט זיך — ווען מיר דאַרפען דיין טרייסט.
מיט חוצפה פאַרפאָלגט דער רשע דעם אָרעמאַן,
אויף יעדען טריט — אויף יעדען שפּאַן.
ער באַריהמט זיך נאָך, איבעראַל איהם געלינגט,
דער רויבער זאָגט אויך — זיין הצלחה קלינגט.
ער טראַכט שטענדיג : איך וועל ניט פאַלען,
און די זון וועט פאַר מיר אַלעמאָל שטראַהלען.
מיט פאַלשקייט און באַטרוג איז פול זיין מויל,
זיי קייקלען זיך ביי איהם, ווי א פאָדים-קנויל.
דער׳הרג׳עט אומשולדיגע מענשען אין געהיים,
באַגראָבט זיי אין דער ערד, אין ליים.
דער אומשולדיגער בויגט זיך, קאָרטשעט זיך, איז שוואַך,
דער רשע גיט זיך בשעת מעשה א לאַך.
ער טראַכט אין זיין האַרצען : פאַרגעסען האָט גאָט,
וואָרום באַשטראָפט ער ניט, ווען אַלעמען באַשאַפען האָט ?
אָ, גאָט, הויב אויף דיין האַנד, — די געפאַנגענע ניט פאַרגעס !
זעה און מאַך פון אָט די אלע גלייך א מת !
פאַרוואָס זאָל ער באַליידיגען גאָט,
און דיין הייליגען נאָמען מאַכען צו שפּאָט ?
ס׳ליגט דאָך אין דיין האַנד צו באַצאָהלען,
דער שוואַכער און יתום קען זיך אויף דיר פאַרלאָזען.
צוברעך דעם אָרעם פון רשע, און זיין שלעכטס,
ער זאָל ניט קענען זיך ריהרען, לינקס אָדער רעכטס,
דעם וואונש פון באַשיידענע זאָלסטו, גאָט, דערהערען,
קרעפטיג זייער האַרץ, וואו זיי ווילען זיך קעהרען.

למנצח לדוד

(אויפ'ן מאָטיוו פון תהלים קאפיטעל י"א)

איך באשיץ מיך דאָך אין גאָט,
וואָס הימעל און ערד באַשאַפען האָט.
וואָס זשע זאָגט איהר מיר פליה אוועק?
צו מיינע צרות נעהמט גאָר ניט קיין עק.
זעה, ווי די רשעים טרעטען אן זייער בויגען,
שטעלען אָן זייער פייל צו טרעפען מיך אין די אויגען.
גאָט פון זיין הייליגען פאלאץ, — זיינע אויגען זעהען,
ער ווייסט שוין, וואָס שפּעטער וועט געשעהן.
גאָט פּרואווט דעם צדיק, — דעם רשע האָט ער פיינט,
שוין ניט פון נעכטען, און ניט פון היינט.
ער וועט רעגענען אויף די רשעים מיט פייער-קויהלען,
פלאם און שוועבעל, — ברענענדיגע קנוילען.
גאָט איז גערעכט, דעם צדיק האָט ער ליב,
דעם עהרליכען און פרומען — גוטעס איהם גיב.

הושיעה ד׳ כי גמר חסיד

(אויפ׳ן מאָטיוו פון תהלים קאַפּיטעל י״ב)

אַ, העלף, גאָט, וואו נעהמט מען א מענש, א חסיד,
די עהרליכקייט איז אוועק — וואָס קען זיין אונזער עתיד?
אז פאלש רעדט איינער צום צווייטען,
ווען ער גיט איהם א שלום-עליכם, א ברייטען.
מיט זיין גלאטען צונג רעדט ער אזוי,
אָבער טאָהן טוהט איינער דעם אַנדערען וועה.
די גלאַטע ליפּען וועט גאָט פארשניידען,
די פאלשע רייד — וועט ער מעהר ניט פארליידען.
ווען מען באַרויבט דעם אָרעמען, דעם גערעכטען,
שוין ניט פון היינט, און ניט פון נעכטען.
אָט איצט, זאָגט גאָט, איז געקומען די צייט,
די פאלשקייט איז שוין אוועק צו ווייט.
אויסלייטערען ווי זילבער וועט ער זייערע נשמות,
אויסהיטען וועט ער אונז — דער אל נקמות.

למנצח מזמור לדוד

(אויפ׳ן מאָטיוו פון תהלים קאפיטעל י״ג)

ווי לאַנג נאָך וועסטו אין מיר פארגעסען, אָ, גאָט,
ביז וואנען וועלען מיינע שונאים מאכען מיר צו שפּאָט ?
איך זוך עצות פאר מיר, — מיין האַרץ איז אין טרויער,
ווי לאַנג נאָך וועט געוועלטיגען איבעֶר מיר יעדער פויער ?
טהו א בליק, ענטפער מיר, גאָט, מיין האַר ,
איך זאָל ניט איינשלאָפען צום טויט, איך בין אין געפאהר !
מיין פיינט זאָל ניט זאָגען, איך האָב איהם באזיגט,
מיינע באַליידיגער וועלען זיך פרעהען, ווען איך האָב ניט באגליקט.

און איך אין דיין מיטלייד בין זיכער,
מיין האַרץ וועסטו דערפרעהען וואָס גיכער.

למנצח לדוד

(אויפ׳ן מאָטיוו פון תהלים קאפיטעל י״ד)

דער נידערטרעכטיגער אין זיין האַרץ טוהט זאָגען,
קיין גאָט איז ניטאָ, — אויף דארויף טהו איך קלאָגען.
זייער האַנדלונג איז אומווירדיג און פארדאָרבען,
זייער מענשליכער געפיהל, — איז ווי אָפּגעשטאָרבען.
פון דעם הימעל טוהט ארונטערקוקען גאָט,
זעהן, אויב איינער היט אָפּ זיין תורה און געבאָט.
— ניטאָ וואָס טוהט גוטס, אפילו איינער,
רופען צו גאָט איז שוין ניטאָ קיינער.
דאָרט האָבען זיי א ציטער געכאַפּט צו זעהן,
אז גאָט האַלט מיט די פרומע, קיין בייז וועט זיי געשעהן,
פון דעם אָרעמאַנס מיינונג טהוט איהר שפּאַסען,
מעג עס זיין א חכמה, — זיי טוהען עס האַסען.
אָ! וואָלט שוין פון ציון די הילף געקומען,
וואָלטען אלע אידישע שונאים שוין דאן שטומען.

ד׳ מי יגור באהלך

(אויפ׳ן מאָטיוו פון תהלים קאפיטעל ט״ו)

אָ, גאָט! ווער קען וואוינען אין דיין געצעלט,
און וועמען זאָל וואויל זיין אויף דיין וועלט:
דער, וואָס געהט אין דעם ריכטיגען וועג,
און אונטערשיידעט, וואָס מ׳טאָר ניט, און וואָס מ׳מעג.
גערעדט האָט ער אמת אין זיין האַרץ,
ניט געמאַכט האָט ער פון ווייס — שווארץ.
זיין פריינד קיין שלעכטס קיינמאָל ניט געטהאָן,
אן עניו געוועזן, ניט געקראָכען אויבען אָן.
קיין שאַנדע האָט ער אויף קיינעם געבראכט,
נאָר פון גאָט ברוך הוא כסדר געטראכט.
זיין געלד אויף פראָצענט ניט געגעבען,
פון שחד ניט געוואוסט זיין גאַנצען לעבען.
אָט אזא מענש וועט וואוינען אין גאָט׳ס געצעלט,
וואויל וועט איהם זיין אויף דער וועלט.

מכתם לדוד

(אויפ׳ן מאָטיוו פון תהלים קאַפּיטעל ט״ז)

היט מיך גאָט, איך באַשיץ מיך אין דיר,
העלפען קענסטו נאָר דו אליין מיר.
צו די הייליגע איז מיין שטאַרק באַגעהרען,
און ניט צו אַנדערע געטער, וועל איך מיר קעהרען.
איך וועל ניט גיסען פאר זיי געטראנקען פון בלוט,
מיינע ליפען וועלען ניט ארויסברייינגען וואָס ס׳איז ניט גוט.
גאָט איז מיין איינגעטיילטער חלק אין מיין בעכער,
האַלטסט אונטער מיין גורל, — וואָס העכער און העכער.
איך דאנק גאָט פאר זיין עצה און ראַטה,
ביינאַכט אפילו געטראַכט פון גוטער טהאַט.
איך האָב גאָט מיך פאַרגעשטעלט שטענדיג,
ווייל פון איהם בין איך אלע מאָל אָפּהענגיג.
דארום איז מיין האַרץ פול מיט פרייד,
מיין קערפער רוהט אומבאַזאָרגט, אָהן לייד.
מיין לעבען צום גרוב וועסטו ניט דערלאָזען,
דעם חסיד ביז׳ן גרוב וועסטו ניט פארלאָזען.
דעם וועג פון לעבען מאַך מיר צו וויסען,
גוטעס פון דיין רעכטער האַנד — צו געניסען.

תפלה לדוד

(אויפ׳ן מאָטיוו פון תהלים קאַפּיטעל י״ז)

הער, גאָט, מיט גערעכטיגקייט פארנעהם מיין געזאַנג,
נויג צו דיין אויער צו מיין תפילה, מיין קלאַנג.
פון דיר מיין אורטייל זאָל ארויסגעהן אליין,
דיינע אויגען זעהען ריכטיג, — עלענד בין איך ווי א שטיין.
מיין האַרץ האָסטו אונטערזוכט, — מיך געפּאָרשט ביינאַכט,
איידער איך זאָג ארויס אַ וואָרט, גיב איך א טראכט.
מיינע טריט האָבען זיך געשטיצט אויף דיינע שטעגען,
מיינע פיס האָבען זיך ניט אויסגעגליטשט אין דיינע וועגען.
אָ, ענטפער מיר, גאָט, צו דיר איך רוף,
נויג צו דיין אויער, — היט מיין נשמה, מיין גוף.
ווי דאָס שווארצאַפּעל פון אויג מיך באַוואַך,
פארבאָרג מיך אין דיין שטן, ווייל איך בין שוואך.
פון די רשעים, וועלכע באַרויבט האָבען מיך,
מיינע פיינט, — וועלכע רינגלען מיר ארום גיך,
ער איז עהנליך צו א לייב, ער וויל רויבען,
זיצט אין געהיים, — קוקט אריין אין מיינע שויבען.
שטעה אויף, אָ, גאָט! ווארף איהם אום,
באפריי מיך פון רשע, זיינע וועגען זיינען קרום.
פון דיין האַנד, די מענשען וועלכע דו האָסט באַשאַפען,
זיי לעבען אין רחבות, און ווילען א וועלט פארשקלאַפען.
מיט דיינע אוצרות פילסטו אָן זייער בויך,
זייערע קינדער זיינען געזעטיגט אויך.
איך, אָבער, וועל מיט גערעכטיגקייט דיין פנים זעהן,
אויף דיין הילף איך וואַרט, — ס׳מוז באלד געשעהן.

למנצח לעבד לד׳

(אויפ׳ן מאָטיוו פון תהלים קאַפּיטעל י״ח)

איך ליב דיך, גאָט, מיין שטאַרקייט, מיין רעטער,
דו ביסט מיין פעלז, איך זוך קיין אַנדערע געטער.
דו ביסט מיין שטיין, אין וועלכען איך שיץ מיך,
נאָר דורך דיר קען קומען מיין ישועה גיך.
די וועהטאָגען פון טויט האָבען מיך ארומגענומען,
מיינע שונאים ווארטען שוין, ס׳זאָל וואָס גיכער קומען.
אָבער ווען ענג מיר ווערט, צו גאָט איך רוף,
ער דערהערט מיין יאָמער, — היט מיין גוף.
די ערד ציטערט אויף פון גאָט׳ס צאָרן,
און מאַכט מיר פיהלען, ווי ניי געבוירען.
ס׳פלאקערט פון זיין מויל א פלאַם פייער,
מיינע אומזיסטע פיינט — וועלען באַצאָהלען טייער.
ער פליהט אויף פליגלען פון ווינט,
מיינע פארפאָלגער וועט ער אומברייינגען געשווינט.
געשיקט און פארשפרייט האָט גאָט זיינע פיילען,
ווארפט זיינע בליצען אויף טויזענדער מיילען.
פון שטורמישען וואסער ער שלעפּט מיך ארויס,
רעטעט מיין לעבען פון פיינט אין מיין הויז.
די געזעצען פון גאָט טהו איך ניט פארבויגען,
איך היט זיי, ווי די שווארצאַפּלען פון מיינע אויגען.
מיט׳ן פרומען באַנעהם איך זיך פרום,
און מיט׳ן קרומען — באַנעהם איך זיך קרום.
דו וועסט העלפען דעם אָרעמען פאָלק,
וועסטו זיי זיכער ברייינגען צו אַ טאָלק.
אָ, גאָט! דו ביסט מיין ליכט, מיין שיין,
דו באלויכסט דיין זון אין מיין פענסטער אריין.

ווער איז אזא גאָט, ווי אונזער גאָט,
וועלכער אלץ אויף דער וועלט באַשאַפען האָט ?
פארברייטערט האָט ער אונטער מיר מיין טראָט,
מיינע קנעכלען אויסלינקען ניט געלאָזט ער האָט.
איך יאָג מיינע געגנער, און כאַפּ זיי,
און קעהר זיך ניט אום, — ביז זיי דערפּיהלען מיין וועה.
דאן רופען זיי נאָך הילף, און קיין ענטפער איז ניטאָ,
זיי כאַפּען זיך און דערפּיהלען, אז אַ גאָט איז דאָ.
די פרעמדע א שמייכעל האָבען מיר געגעבען,
זיי הערען שוין גאָט׳ס וואָרט, און לאָזען מיך לעבען.
דערפאר, גאָט, טהו איך דיר לויבען.
דיין נאָמען איז באַוואוסט און דערהויבען.

למנצח מזמור לדוד

(אויפ׳ן מאָטיוו פון תהלים קאפיטעל י״ט)

די הימלען דערצעהלען דעם כבוד פון גאָט,
און אלעס וואָס ער באַשאַפען האָט.
טאָג צו טאָג שטראָמט אַ געשפרעך,
אין די נעכט זיי באַרעדען זיינע טהאטען אָהן אונטערברעך.
צו דער זון האָט ער געמאַכט א געצעלט,
א היילונג איז עס — ממש מען קוועלט.
גאָט׳ס תורה איז פולקאָם, דערקוויקט די נשמה,
זי גיט אונז גייסטיגען לעבען, מוט און נחמה.
די תורה מאַכט אפילו קלוג דעם נאַר,
אויך דעם קנעכט, דינער און האַר.
זי איז טייערער פון גאָלד און בריליאנטען,
איהרע ווערטער — חשוב׳ער פון דיאמאַנטען.
ווער קען, אָבער, א אירטום פארשטעהן,
אז אלע מענשען זיינען זינדיג, ניט נאָר איך אליין.
זאָלען זיין פאר דיר מיינע רייד אָנגענומען,
ווען ניט דו, וואָלט איך שוין פון לאַנג אומגעקומען.

יענך ד׳ ביום צרה

(אויפ׳ן מאָטיוו פון תהלים קאפיטעל כ׳)

ענטפערען וועט דיר גאָט אין דיין צרה און נויט,
ווען נאָר מיט עהרליכקייט פארדינסטו דיין ברויט.
דיין הילף וועט ער שיקען פון הייליגען אָרט,
גוטס וועט ער געבען מיט דער פולער קוואָרט.
דיין באגעהר פון האַרץ וועט ער דערפילען,
גאָט איז דיין פאָטער, מיט רחמנות-געפיהלען.
אז גאָט איז גרויס, ווייס איך אצינדער,
ער היט מיך אָפּ, ווי א פאסטוך זיינע רינדער.
מיט רייט-וועגענער טוהען זיך אנדערע באַריהמען,
און מאַנכע מיט פערד — טוהען זיי נאָכקרימען.
אָבער מיר וועלען געהן מיט דעם נאָמען פון אונזער גאָט,
ער וועט אונז ניט דערלאָזען צו שאַנד און שפאָט.
זיי, אונזערע שונאים, וועלען קניהען און פאלען,
און פאר אונז וועט נאָך די זון אויפשטראַלען.
גאָט, העלף אונז אין אונזער צרה און נויט,
גיב אונז געזונד, לעבען און ברויט.

למנצח מזמור לדוד

(אויף׳ן מאָטיוו פון תהלים קאפיטעל כ״א)

גאָט! מיט דיין שטאַרקייט דער קעניג זיך פרעהט,
און מיט דיין הילף פארגעסט ער אלע לייד.
האָסט איהם באגעגענט מיט ברכות א סך,
באַדעקט זיין קאָפּ מיט א גאָלדענער קרוין, ווי א דאַך.
געבעטען האָט ער ביי דיר יאָהרען פון לעבען,
פארלענגערטע יאָהרען האָסטו איהם געגעבען.
געמאַכט האָסטו איהם פאר אַן אייביגער ברכה,
באגליקט איהם מיט פרייד, געזונד און הצלחה.
דער קעניג פארלאָזט זיך אויך אויף גאָט,
דורך זיין חסד וועט ער ניט ווערען צו שפּאָט.
דיין האַנד וועט געפינען אלע פיינד דיינע,
דיין רעכטע האַנד וועט אויך געפינען די שונאים מיינע.
דו וועסט מאַכען פון זיי אַן אויווען פון פייער,
פאר זייערע מעשים וועלען זיי באַצאָהלען טייער.
גאָט וועט אין כעס זיי פארדארבען,
זיי וועלען אלע אומקומען, אויסשטאַרבען.
וועסט פארניכטען זייער פרוכט פון דער ערד,
אויס׳פּגר׳ען וועלען זייערע חיות, בהמות און פערד.
זיי האָבען אויסגעשפּרייט אויף דיר שלעכטס,
פון אלע זייטען, — פון לינקס און רעכטס.
מיט דער פּלייצע וועסטו זיי אויסשטעלען,
וועסט צילען אויף זיי מיט דיינע שטריק, זיי וועט ניט געפעלען.
אין דיין מאַכט, זיי, גאָט, האָסטו דערהויבען,
מיר זאָלען באַזינגען דיין גבורה, — צו קענען דיר לויבען.

למנצח על אילת השחר

אויפ׳ן מאָטיוו פון תהלים קאַפּיטעל כ״ב)

גאָט, מיין גאָט: פאַרוואָס האָסטו מיך פאַרלאָזען?
אזוי ווי מיט א שופר טהו איך צו דיר שאַלען, בלאָזען.
מיין האַר, איך רוף צו דיר, טאָג ווי נאַכט,
איך בין פאַרצווייפעלט, נאָר איך טראַכט.
אויף דיר האָבען אונזערע עלטערען זיך אויך פאַרטרויט,
געראַטעוועט האָסטו זיי, — צוריק אויפגעבויט.
נאָר איך בין ווי א וואָרים, — אויף מיר מען טרעט,
פון פעלקער פאַרשעהמט, — הער צו מיין געבעט.
אלע, וואָס זעהען מיר, טוהען פון מיר לאַכען,
עפענען זייערע מיילער, — חוזק פון מיר מאַכען.
דו האָסט דאָך מיר פון בויך ארויסגעבראַכט,
נאָר אין דיר בין איך פאַרזיכערט, — באַוויז דיין מאַכט.
סטאַדעס אָקסען ארומגערינגעלט האָבען מיך ווי וועלף,
נאָהענט זיינען זיי צו מיר, איך שריי צו דיר נאָך הילף.
געעפענט האָבען די לייבען זייערע מיילער מיר צורייסען,
ארייגלאָזען זייערע צייהנער, — מיך צופליקען, צובייסען.
פון שרעק האָבען זיך צונומען מיינע ביינער,
מיין האַרץ צוגעהט, — ס׳טרייסלען זיך מיינע צייהנער.
פאַרטריקענט איז מיין שארבען, מיין מח,
איך בין שוין מאַכטלאָז, ס׳געהט מיר אויס מיין כח.
ארומגענומען האָבען מיר פאַרברעכער אַ באַנדע,
זיי האָבען פאַרלוירען זייער געוויסען, זייער שאַנדע.
איך צעהל מיינע ביינער, זיי קוקען אויף מיר,
זיי שיטען נאָך זאַלץ אויף מיין וואונד, מיין געשוויר.
זיי צעהלען מיינע קליידער, ווארפען גורל אויף מיין העמד,
עלענד בין איך, צווישען שונאים נאָך אין דער פרעמד.

אָ, גאָט ! דערווייטער זיך ניט פון מיר, אויף דיין הילף כ׳וואַרט,
מיט יעדען טאָג ווער איך מעהר איינגעטריקענט, איינגעדאַרט.
ראַטעווע מיין קערפּער פון דער שווערד,
פון הונט און לייב, וועלכע געהען אַרום אויף דר׳ערד.
פאר מיינע פריינד, דיין נאָמען, וועל איך דערצעהלען,
דו ביסט דער איינציגער, וועלכער קען מיינע וואונדען היילען.
פונ׳ם אָרעמען דעם פּנים האָט ער ניט פאַרבאָרגען,
גאָט וועט איהם שוין מיט אַלעס באַזאָרגען.
באַשיידענע וועלען צו זאַט עסען ברויט,
די, וועלכע פאָרשען איהם, וועלען ניט ליידען קיין נויט.
מ׳וועט קומען און דערצעהלען זיין גערעכטיגקייט,
צום צוקונפטיגען פאָלק — דערצעהלען זיין מעכטיגקייט.

ד׳ רעי לא אחסר

(אויפ׳ן מאָטיוו פון תהלים קאפיטעל כ״ג)

גאָט איז מיין פאַסטוך, קיין זאך מיר פעהלט,
ער באַשיצט מיך זומער פון היץ, ווינטער פון קעלט.
אויף באַגראָזטע לאָנקעס לאָזט ער מיך ליגען,
אויפ׳ן גלייכען וועג טוהט ער מיך פיהרען.
ווען אפילו איך זאָל געהן אין פינסטערען טאָל,
וועל איך ניט מורא האָבע קיינמאָל.
דיין רוט און שטעקען פארשאַפען מיך טרייסט,
א טיש גרייטסטו צו פאר מיר — אויף דעם בין איך דרייסט.
באַפעסטיגט האָסטו מיין קאָפּ מיט אויל,
מיין בעכער איז פול מיט וויין מיין מויל.
נאָר גוטס און חסד, יאָגען מיר נאָך מיין לעבען,
צו זיצען אין גאָט׳ס הויז — דאָס איז מיין שטרעבען.

לדוד מזמור

(אויפ׳ן מאָטיוו פון תהלים קאפיטעל כ״ד)

צו גאָט באַלאַנגט די ערד און אלץ, וואָס אויף איהר,
און ניט ווי מאַנכע זאָגען, — ס׳געהערט צו מיר.
צו איהם באלאנגען די ים׳ען און די טייכען,
די פאלשקייט וועט ער אויסמעקען און אויסשטרייכען.
ווער וועט ארויפגעהן אויף דעם באַרג פון גאָט ?
— נאָר די, וועלכע היטען זיינע צעהן געבאָט.
און דער, וואָס האָט א האַנד א ריינע,
און א האַרץ, א קלאָהרע — א שעהנע.
אויף פאלש האָט ער קיינמאָל ניט געשוואוירען,
מיט׳ן אמת קען מען ניט געהן פארלוירען.
אָט אזא מענש וועט באַקומען פון גאָט זיין ברכה,
באַגליקט וועט ער ווערען מיט געזונט און הצלחה.
ווער איז דער פיהרער פון דער גאַנצער וועלט ?
— וועלכער האָט באַשאַפען היץ און קעלט.
גאָט איז דער קעניג פון גבורה און מאַכט,
דער יודע מחשבות, — ער ווייסט וואָס מען טראכט.

לדוד אליך נפשי אשא

(אויפ׳ן מאָטיוו פון תהלים קאפיטעל כ״ה)

צו דיר, גאָט, מיין נפש איך דערהויב,
נאָר צו דיר גיב איך אָפּ א שבח און לויב.
ניט געלאָזט האָסטו מיך פארשעהמען,
מיינע פיינד — זאָלען מיט מיר זיך שלעכט באַנעהמען.
מאַך וויסען מיר, גאָט, דיינע וועגען,
מאַך מיר באַקאַנט מיט מיינע שטעגען.
ווייל צו דיר שטענדיג איך האָף,
סיי ווען איך בין וואכעדיג, סיי אין שלאָף.
ניט דערמאָהן מיין יוגענד, — מיינע זינד,
ווייל דאן בין איך נאָך געוועזן א קינד.
ער לאָזט טרעטען באַשיידענע אין גערעכטיגקייט,
און ווייזט פאר פרומע זיין וועג, זיין מעכטיגקייט.
צוליב דיין נאָמען, אָ, גאָט, מיינע זינד זאָלסטו פארגעבען,
כאָטש זיי זיינען פיל, — דאָך לאָז מיך לעבען.
דער מענש, וועלכער געהט אינ׳ם ריכטיגען וועג,
קען אונטערשיידען, וואָס מ׳טאָר ניט, און וואָס מ׳מעג.
זיין נפש וועט רוהען אין גוטס,
דאָס לאַנד וועט ברייינגען פאר זיינע קינדער נוץ.
מיינע אויגען זיינען שטענדיג צו גאָט,
באַפרייט מיינע פיס פון נעץ ער האָט.
קעהר זיך צו מיר און באַגנאַדיג מיך,
ווייל איינזאם און עלענד בין איך.

זעה, מיינע פיינד — זיי ווערען אלץ מעהר,
זיי פאראכטען מיר אויף יעדען שריט, אויף יעדען קעהר.
היט מיין נפש און רעטע מיר,
כ׳זאָל ניט פארשעהמט ווערען, איך באַשיץ מיך אין דיר.
אומשולד און עהרליכקייט זאָלען מיר באַוואַכען,
לייז אויס די אידען פון זייערע צרות און שקלאַפען.

לדוד שפטני ד׳

(אויפ׳ן מאָטיוו פון תהלים קאפיטעל כ״ו)

משפט מיך, גאָט, אין מיין תמימות בין איך געגאַנגען,
דערפאר האָט דער יצר הרע מיך ניט געקענט פאַנגען.
אין דיר, גאָט, בין איך געווען זיכער,
העלפען וועסטו מיר אין מיין נויט וואָס גיכער.
געגאַנגען בין איך אינ׳ם אמת׳ן וועג,
און האָב אונטערשיידעט וואָס מ׳טאָר ניט און וואָס מ׳מעג.
מיט פאלשע מענשען בין איך ניט געזעסען,
זיי ווילען מיר מיט זייערע בליקען אויפעסען.
זייער געזעלשאַפט טהו איך פארדאמען, פארהאַסען,
צו אזעלכע רשעים קען איך מיר ניט צופאַסען.
מיינע הענד טהו איך וואשען, רינגעל ארום דיין מזבח,
ווייל דאָ געפין אַ טרייסט, מוט און כח.
אָ, גאָט! ווי ליב מיר איז דיין הויז און רוה-אָרט,
וואו איך קען תפילה טאָהן צו דיר דאָרט.
פארניכט ניט מיין נפש, מיט מענשען פון זינד,
פארדארב זיי, די בלוט-מענשען, גיך און געשווינד.
אין זייערע הענד ליגט אומרעכט און כאַבאַר,
היט מיך אויס פון זיי, — איך בין אין געפאַהר.
מיין פוס איז געשטאַנען אויפ׳ן גלייכען פלאץ,
איך וועל דיר דאנקען, גאָט, גאָר אָהן א שאץ.

לדוד ד׳ אורי

(אויפ׳ן מאָטיוו פון תהלים קאַפּיטעל כ״ז)

גאָט איז מיין ליכט — פאַר וועמען האָב איך מורא?
גאָט איז מיין הילף, ווען איך לערען זיין תורה.
גאָט איז מיין מאַכט פון מיין לעבען,
פאַר וועמען זיך שרעקען, ווען צו איהם טהו איך שטרעבען?
מיין פלייש צו עסען, באַפאַלען מיך פאַרברעכער,
זיי קריכען ארויס פון זייערע נאָרעס און לעכער,
זיי ווערען, אָבער, געשטרויכעלט, און פאַלען,
און פאַר מיר וועט די זון נאָך אויפשטראהלען.
ווען ס׳באלאגערט מיך א מחנה א באַנדע,
האָב איך קיין מורא, — זיי וועלען ווערען צו שאַנדע.
אויב זיי געהען האַלטען מיט מיר מלחמה,
בין איך זיכער, אז גאָט וועט נעהמען פון זיי נקמה.
איין זאך בעט איך ביי גאָט און פארלאַנג:
צו זיצען אין זיין הויז, — ס׳וועט מיר ניט טאָהן באַנג.
צו זעהן די פריינדשאַפט פון גאָט,
וועלכער אלעס אויף דער וועלט באַשאַפען האָט.
פארבאָרגען וועט ער מיר אינ׳ם שוץ פון זיין געצעלט,
העכער וועל איך ווערען פון מיינע שונאים אין דער וועלט.
הער צו, גאָט, מיין שטימע, און ענטפער מיר,
מיין תפילה זאָל אָנגענומען ווערען פאַר דיר.
מיין פאָטער און מוטער האָבען מיך פארלאָזען,
אָבער דו, גאָט, וועסט מיך אין דיין הויז ארייןלאָזען.

צייג מיר אָן, אָ, גאָט, דעם גלייכען וועג,
וועל איך וויסען וואָס מ'טאָר ניט, און וואָס מ'מעג.
גיב מיר ניט איבער אין די הענד פון די באַליידיגער,
פון די פאלשע עדות, — די פאלשע פרעדיגער.
האָף צו גאָט, קרעפטיג און שטאַרק זיך,
האָף צו גאָט, וועט דיין ישועה קומען גיך.

לדוד אליך ד׳ אקרא

(אויפ׳ן מאָטיוו פון תהלים קאַפּיטעל כ״ח)

רופען טהו איך, גאָט, צו דיר,
מיין פעלז — שווייג ניט פאר מיר!
טאָמער שווייגסטו, נידער איך אין גרוב,
וואָרום זאָל איך געהן אין דער פינסטערער שטוב?
ווען איך שריי צו דיר, מיין שטימע דערהער,
ווען איך הויב אויף מיינע הענד, דאָס איז מיין באַגעהר.
שלעפּ מיך ניט ארונטער מיט די רשעים,
וואָס זיי רעדען כלומרשט שלום, אָט די רעים.
לויט זייער פארדינסט — זיי באַצאָהל,
ניט איינציגווייז, — נאָר אלעמען מיטאַמאָל.
ווייל זיי באַגרייפען ניט, די ארבייט פון גאָט,
און וואָס אויף דער וועלט ער אויפגעטאָהן האָט.
גאָט איז מיין שילד, מיין מאַכט,
כ׳בין געהאָלפען, — פון מיינע שונאים א תל געמאַכט.
העלף דיין פאָלק, און בענש דיין נחלה,
נעהם אַראָפּ פון זיי יעדע פלאָג און מחלה.

מזמור לדוד הבו לד׳

(אויפ׳ן מאָטיוו פון תהלים קאפיטעל כ״ט)

ג׳יט צו גאָט כבוד און מאַכט,
גיט צו גאָט עהרע און פראַכט.
אויפ׳ן וואסער איז די שטימע פון גאָט,
וועלכער דונערען און בליצען געמאַכט האָט.
גאָטס שטים איז א מעכטיגע,
גאָטס שטים איז אַ פרעכטיגע,
דעם צעדערבוים פון לבנון צוברעכט גאָט,
שפרינגען ווי קעלבער ער געמאַכט זיי האָט.
גאָטס שטימע מיט פייער-פלאמען האַקען,
דערציטערט דעם מדבר, וואו די זון טהוט באַקען.
גאָט האָט זיך באַזעצט אלס אייביגער קעניג,
יעדערער דארף זיין צו איהם אונטערטעניג,
שענקען וועט גאָט קראפט צו זיין אומה,
ער וועט בענשען זיין פאָלק, — וועט האָבען א תקומה.

מזמור שיר חנכת

(אויפ׳ן מאָטיוו פון תהלים קאפיטעל ל׳)

איך לויב דיך גאָט, וואָס דו האָסט מיך אויפגעהויבען,
און ניט דערפרעהט מיינע פיינד — דאפיר טהו איך דיר לויבען.
גאָט! דו האָסט פון גרוב מיין נפש ארויסגעבראכט,
האָסט מיך דערהאַלטען ביים לעבען, — נאָר פון דיר כ׳טראכט.
זינגט צו גאָט, זיינע פרומע מענשען,
און דאַנקט איהם, — ער וועט אייך בענשען.
אין אָוועגד נעכטיגט א יאָמער, א געוויין,
פריהמאָרגענס געזאַנג, — ווי ס׳וואָלט גאָר ניט געשעהן.
געדענקט האָב איך, כ׳וועל קיינמאָל ניט פאלען,
און די זון וועט פאר מיר אימער טאָהן שטראהלען.
ווי נאָר דו האָסט דיין פנים פון מיר פארבאָרגען,
אזוי האָב איך שוין אָנגעהויבען צו זאָרגען.
צו דיר, גאָט, טהו איך רופען און בעטען,
אז מיין לעבען פון די שונאים זאָלסטו רעטען.
וואָס וועט ארויסקומען פון מיין נידערען אין גרוב,
קען דיך לויבען די ערד, די פינסטערע שטוב?
הער, אָ, גאָט! זיי א הילף צו מיר,
דינען מיט׳ן גאַנצען הארצען וועל איך דיר.
האָסט מיין טרויער אין א טאַנץ פאַרוואַנדעלט,
אָפגעבונדען מיין זאק, — ווי א אל רחום געהאַנדעלט.
מיין כבוד וועט ניט שווייגען, — דיך באזינגען,
אייביג וועל איך דיר דאנקען — דיין נאָמען וועט קלינגען.

בך ד׳ חסיתי

(אויפ׳ן מאָטיו פון תהלים קאַפּיטעל ל״א)

איך האָב מיך באַשיצט אין גאָט,
כ׳זאָל ניט בלייבען פארשעהמט און צו שפּאָט.
העלף מיר מיט דיין גערעכטיגקייט,
ראַטעווע מיך שנעלער, ווייז דיין מעכטיגקייט.
זיי פאַר מיר א פעלז, זיך צו באַשיצען,
אין אלע צייטען, — אין קעלט און אין היצען.
באַפריי מיך פונ׳ם נעץ, וואָס זיי האָבען באַהאַלטען,
מיט וועלכען מ׳כאַפּט פיש אין וואסער, דעם קאַלטען.
אין דיין האַנט גיב איך איבער מיין נשמה,
אָ, גאָט, לייז מיך אויס, — נעהם פאַר מיר נקמה!
די וועלכע היטען אָפּ דומהייטען, האַס איך,
אָבער איך, — אויף גאָט פארלאָז מיך.
פון דיין חסד בין איך לוסטיג און פרעהלאך,
ווען דו דערזעהסט מיין פּיין, פיהל איך מיר ווי אַ מלך.
באַגנאדיג מיך גאָט, ווייל מיך טוהט דריקען,
פארטונקעלט איז מיין אויג, — מיינע טרערען שטיקען.
מיין לעבען איז פארלאָפען אין טרויער,
ס׳געוועלטיגט איבער מיר יעדער פויער.
פאר מיינע שונאים א שרעק בין איך געוואָרען,
מיינע פריינד באַדויערען מיך, וואָס פון מיר איז געוואָרען.
נאָר אויף דיר, גאָט, האָב איך מיך פארלאָזען,
כ׳האָף: דעם שופר של משיח, וועל איך נאָך הערען בלאָזען.
אין דיין האַנט ליגט מיין שיקזאל,
מיינע צרות זיינען פול, ווי א וואסער-קוואל.

באַלויכט דיין פּנים אויף דיין קנעכט,
נאָר מיט חסד קען איך בלייבען גערעכט.
אָ, גאָט! לאָז מיך ניט בלייבען פאַרשעהמט,
מיין האַרץ איז גענוג צעוועהטאָגט און צעקלעמט.
פאַרשעהמט זאָלען ווערען די רשעים,
פאַרשטומט זאָלען ווערען אָט די אנשים רעים.
וואָס באַרעדען דעם צדיק מיט שטאָלץ און פאַראכט,
דו, אָבער, גאָט, וועס געוויס עס נעהמען אין אנבאַטראַכט.
ווי גרויס איז דיין גוטסקייט, וואָס דו האָסט באַהאַלטען,
וואָס שיצען זיך אין דיר, — פאַר׳ן יונגען און אַלטען.
דערהערט האָסטו דעם קול פון מיינע געבעטען,
מיינע שונאים מיט די פיס האָבען מיך געוואָלט צוטרעטען.
ליבט גאָט, אלע זיינע פרומע,
פאַרלוירען וועלען געהן מענשען מיט מוחות קרומע.
שטאַרקט אייך, און אייער האַרץ זאָל זיך קרעפטיגען,
איהר אלע, וועלכע האָפען צו גאָט, דעם מעכטיגען.

לדוד משכיל

(אויפ'ן מאָטיוו פון תהלים קאַפיטעל ל"ב)

וואויל איז דעם מענש, וואָס גאָט רעכענט איהם קיין זינד,
זיין געוויסען איז קלאָהר, ווי ביי אַ קליין קינד.
מיינע ביינער זיינען פארפוילט, — ווען איך האָב געשוויגען,
פון מיין שרייען און קרעכצען, אויפ'ן בעט טהו איך ליגען.
טאָג און נאַכט דיין האַנט האָט מיך געדריקט,
מיינע טרערען, — אין זיך האָב געשטיקט.
מיינע זינד און פארברעכען ניט פארדעקט האָב איך,
אלעס וועל איך אַנטפלעקען פאר דיר, גאָט, גיך.
איבער דעם, בעטען ביי דיר, יעדער חסיד דאַרף,
זיין ביטערע לאגע צו דערצעהלען גאַנץ שאַרף.
זיינעליידען זאָלען איהם ניט פארכאַפּען,
ווי אַ שטראָם וואסער — איהם ניט צוקלאַפּען.
איך וועל דיך קליגען, אין וועלכען וועג זאָלסטו געהן,
וואו דו מעגסט זיצען, און וואו דו מעגסט שטעהן.
זייט ניט ווי דער פערד און אייזעל, — א שטיק האָלץ,
וואָס זיין צוים און קייט איז א צירונג, א שטאָלץ.
פיל וועהטאָגען וועט צום רשע קומען,
זיינע יסורים וועלען איהם מאַכען שטומען.
איהר, צדיקים, פרעהט זיך מיט גאָט,
זינגט צו איהם, וועלכער די וועלט באַשאַפען האָט.

רננו צדיקים בד׳

(אויפ׳ן מאָטיוו פון תהלים קאפיטעל ל״ג)

זינגט, צדיקים, צו גאָט אַ געזאַנג,
זינגט צו איהם מיט א זיסען קלאַנג.
זינגט צו איהם מיט א פידעל, — שפילט אויף א האַרף,
ברייגנט ארויס זייערע טענער, — קלאָהר און שאַרף.
רעכט איז גאָטס וואָרט, — זיין באשאף איז טרייהייט,
האָט ליב גערעכטיגקייט, חסד און פרייהייט.
דורך גאָטס וואָרט איז דער הימעל געמאַכט,
באַוואונדערען זיין יצירה, — דארפען מיר געבען אַ טראכט.
ווייל ווי ער זאָגט נאָר ארויס זיין וואָרט,
אזוי ווערט עס מקוים, גלייך אויפ׳ן אָרט.
צושטערט האָט גאָט זייערע פלענער,
זייערע געדאַנקען צעוואָרפען, אזוי ווי די שפענער.
וואויל וועט זיין צו יענער אומה,
וואָס גאָט איז איהר האַר, — זי וועט האָבען אַ תקומה.
גאָט פון הימעל ארונטערבליקען טהוט,
זעהן, אויב דער מענש איז שלעכט, אָדער גוט.
פון אלעמענס הערצער דער באַשעפער איז ער,
ער פארשטעהט זייער האַנדלונג, — זייער קעהר.
דער קעניג ווערט ניט געהאָלפען דורך סאָלדאטען,
דער גבור ווערט ניט גערעטעט דורך זיינע טהאַטען.
פאלש און אונמעכטיג איז די הילף פון פערד,
וועלכער געהט ארום אויף גאָט׳ס ערד.

גאָטס אויג איז פאר די, וועלכע האָבען פאר איהם מורא,
וועלכע דערוואַרטען זיין חסד, און היטען זיין תורה.
רעטען וועט ער זייער נפש פון טויט,
און שפייזען זיי ביים לעבען מיט ברויט.
דורך איהם אונזער האַרץ ווערט דערפרעהט,
זיין הייליגער נאָמען באַשיצט אונז, באַגלייט.

לדוד בשנותו את טעמו

(אויפ׳ן מאָטיוו פון תהלים קאפיטעל ל״ד)

איך וועל לויבען גאָט צו יעדער צייט,
מיין הילף פון איהם איז שוין ניט ווייט.
גרויסט גאָט מיט מיר צוזאמען,
לויבען איהם אינאיינעם, — פאלשקייט פארדאמען.
געפאָרשט האָב איך איהם, געענטפערט האָט ער, גאָט,
פון אלע מיינע שרעקען מיך באַפרייט ער האָט.
ווען דער אָרעמאַן רופט, טהוט גאָט דערהערען,
זיין שונא׳ס פלענער טוהט ער צושטערען.
באַטראכט און זעהט, ווי גוט איז גאָט,
וואויל איז דעם מענש, וואָס זיך באַשיצט אין איהם האָט.
לייבען ווערען אָרעם, און הונגער ליידען,
און וועלכע גאָט פאָרשען, וועלען עס אויסמיידען.
קומט, קינדער, הערט אויס די ווערטער מיינע,
לערנען וועל איך אייך גאָט׳ס ווערטער, די פיינע.
ווער איז דער מענש וואָס לעבען באַגעהרט,
צו זעהן אויף זיך גוטעס, וואר ער זיך קעהרט.
היט דיין צונג פון טאָהן שלעכטס,
זיי ניט קיין צווייזייטיגער, ענטווידער לינקס, אָדער רעכטס.
דיינע ליפען פון רעדען פאלשקייט ווענד אָפּ,
דאָס איז אויך א סגולה פאר׳ן גוף און קאָפּ.
אויף די צדיקים איז גאָט׳ס אויגען,
זייער הילף ער שיקט, ווי א פייל פון בויגען.

גאָט איז נאָהענט צו הערצער צובראָכענע,
און העלפט די געמיטער, די צושטאָכענע.
אומגליקען טרעפט דעם צדיק פיל,
גאָט וועט איהם רעטען, ווען נאָר ער וויל.
גאָט דערלייזט דעם נפש פון זיינע קנעכט מענשען,
די, וועלכע שיצען זיך אין איהם, וועט ער בענשען.

ריבה ד׳ את יריבי

(אויפ׳ן מאָטיוו פון תהלים קאפיטעל ל״ה)

מיינע קריגער באַקעמף, אָ, גאָט,
מיינע מלחמה האַלטער — מאַך צו שפּאָט.
שטעל אָן געגען זיי אַ פּאַנצער און שווערד,
מאַך, זיי זאָלען צעפּאַלען אויף דר׳ערד.
פארשעהמט זאָלען בלייבען, וואָס זוכען מיין לעבען,
זיי זאָלען אָפּטרעטען אהינטער, — דיין גייסט זאָל שוועבען.
ווערען זאָלען זיי ווי א שטרוי פאר׳ן ווינט,
א מלאך פון גאָט זאָל זיי פארשטויסען געשווינדט.
פינסטער און גליטשיג זאָל זייער וועג ווערען,
זאָלען ניט וויסען וואוהין זיך צו קעהרען.
זיין נעץ, וואָס ער האָט אליין באַהאַלטען,
זאָל איהם אַליין ארייַנכאַפּען און פארהאַלטען.
מיין נפש, אָבער, וועט זיך פרעהען מיט גאָט,
וועלכער נסים מיט מיר באוויזען האָט.
פאלשע עדות געגען מיר טוהען זיך שטעלען,
זיי פרעגען מיך אויס, — בשעת מעשה קוועלען.
די׳ גוטסקייט, וועלכע איך האָב געטאָהן מיט זיי,
באַצאָהלען מיר מיט שלעכטס, — ס׳טוהט אזש וועה.
ביי זייער קראַנקהייט האָב איך מיר אָנגעטאָהן א זאַק,
זיי ווילען ניט אַנדערש, ווי דערלאַנגען מיר אין באַק.
ווי א פריינד און ברודער בין איך מיט זיי זיך באַגאַנגען,
און זיי, אין זייער נעץ, ווילען מיך גאָר פאַנגען.
באַנדיטען האָבען זיך אָנגעקליבען, — איך טהו זיי ניט קענען,
מיין פלייש האָבען זיי געריסען, — ווילען מיך פארברענען.

ווי לאַנג, גאָט, ווּעסטו דולדען? — באַפריי מיך פון זיי,
מיינע יסורים זיינען שרעקליך, ס׳טוהט מיר אזוי ווּעה!
צווישען א גרויסער פארזאַמלונג וועל איך דיר לויבען,
צווישען אַ שטאַרקען פאָלק ווּעסטו ווערען דערהויבען.
איבער מיר זאָלען מיינע שונאים זיך ניט פרעהען.
מיינע שונאים זאָלען מיט זייערע אויגען ניט ווינקען, דרעהען.
זייער מויל אויף מיר האָבען זיי צעעפּענט ברייט,
און איינשלינגען זיינען זיי מיר גרייט.
פארשווייג ניט, אָ, גאָט,! דו האָסט עס געזעהן,
דערווייטער זיך ניט, אַניט וועט עס געשעהן.
צו מיין משפט דערוועק זיך און דערוואַך,
פארטיידיג מיך, ווייל איך בין זעהר שוואַך.
משפט מיך, גאָט, לויט נאָך דיין גערעכטיגקייט,
זיי זאָלען ניט דערפרעהט ווערען, — באַווייז דיין מעכטיגקייט.
פארשעהמט זאָלען זיי ווערען אלע צוזאמען,
די, וועלכע פרעהען זיך אין מיין אומגליק, זאָלסטו פארדאמען.
באַקליידען זאָלען זיי זיך מיט בושה און שאַנדע,
די, וועלכע גרויסען זיך איבער מיר, — אָט די מיאוס׳ע באַנדע.
מיינע גליק-ווינשער זאָלען פרעהלאך זיין און זינגען,
לויבען וועלען זיי דיר, גאָט, קדוש וועלען זיי שפּרינגען.

למנצח לעבד ד׳

(אויפ׳ן מאָטיוו פון תהלים קאַפּיטעל ל״ו)

אינוועניג, אין מיין האַרץ, די רייד פון רשע ליגען,
ניטאָ קיין גאָטספאָרכטיגקייט, — מיינע טרערען מיך שטיקען.
אויסצוגעפינען זיין זינד, ער האַסט,
די רייד פון זיין מויל איז אומרעכט, — ער שפּאַסט.
ער האָט אויפגעהערט וועגען גוטעס דענקען,
אויף זיין געלעגער, וועגען אומרעכט, טוהט ער בענקען.
ער שטעלט זיך אויף ניט קיין גוטען וועג,
איבעל פאר׳מיאוס׳ט ער ניט, — ער זאָגט: מען מעג.
ווי די מעכטיגע בערג איז דיין גערעכטיגקייט,
אין דיינע שטראָפען ווייזטו דיין מעכטיגקייט.
אָ, גאָט! ווי הויך דיין חסד איז און טייער,
אלע שיצען זיך אונטער דיינע פליגלען, ווי פון א פייער.
מיט פעטס פון דיין הויז זעטיגען זיי זיך אָן,
פון דיין שטראָם פארגעניגענס טרינקסטו זיי אָן,
מיט דיר איז דער קוואל פון לעבען,
אין דיין ליכטיגקייט קען מען צו העכערס שטרעבען.
זאָל דער פוס פון בעל גאוה אויף מיר ניט ארויפטרעטען,
דאָס וואָס איך טהו ביי דיר, גאָט, בעטען.
די אומרעכט-טוהער זיינען געפאלען דאָרט,
פארשטויסען זאָלען זיי ווערען — ניט אויסרעדען א וואָרט.

אל תתחר במרעים

(אויפ׳ן מאָטיוו פון תהלים קאַפּיטעל ל״ז)

ס׳זאָל דיך ניט ערגערען אויף די, וועלכע ווילען דיר טאהן שלעכטס,
זיי ניט מקנא די, וואָס טוהען עולות לינקס און רעכטס.
ווי גראָז וועלען זיי ווערען פארדארבען,
און זייער גרינע וואַקסונג, זייער קאָליר, — אָפּגעשטאָרבען.
פארלאָז זיך אויף גאָט און טהו גוטס,
וואוין אין דעם לאַנד, — זי וועט דיר ברייגגען נוץ.
וועסט האָבען פון גאָט פארגעניגען,
אויב אין זיין וועג וועסטו זיך קליגען.
קייקעל ארויף אויף גאָט דיין וועג,
האָב אין איהם צוטרוי און טהו וואָס מ׳מעג.
ארויסברייגגען וועט ער ווי ליכט שיין דיין גערעכטיגקייט,
ווי אין מיטענטאָג שיין, — משפט און מעכטיגקייט.
קאָנקוריר ניט מיט איינעם, וואָס באגליקט זיין וועג,
מיט א רייכען מענשען, וואָס דענקט, אז וואָס ער טוהט איז כשר, מ׳מעג.
ווייל אזוינע מענשעלאך פארשניטען וועלען ווערען,
און די, וועלכע האָפען צו גאָט, וועט דאָס לאַנד זיי דערנעהרען.
דער רשע איז ניטאָ, ווען דו קוקסט זיך ארום,
ווייל אלץ, וואָס ער האָט געטאָהן, איז געוועזן קרום.
באַשיידענע, אָבער, וועלען ירשנ׳ען דאָס לאַנד,
וועלען האָבען גרויס גליק און קומען צו א באַשטאַנד.

דער רשע צום צדיק בייז טוהט,
קריצט מיט די צייהנער, — ס׳ווערט איהם אזש ניט גוט.
גאָט לאכט איהם אויס, זיין טאָג שוין קומט,
אלע, ווי איינער, וועלען ווערען פארשטומט.
אין זייער האַרץ וועט אריין זייער אייגענע שווערד,
זייערע בויגענס וועלען צובראָכען ווערען, — וועלען פאלען צו דר׳ערד.
די אָרעמס פונ׳ם רשע וועלען געבראָכען ווערען,
גאָט שטיצט די צדיקים, וואו זיי טוהען זיך קעהרען.
זיי וועלען ניט פארשעהמט ווערען אין א שלעכטער צייט,
זייער נחלה וועט פארבלייבען אויף דור דורות ווייט.
אין צייט פון הונגער וועלען זיי זאַט זיין,
זיי וועלען האָבען גענוג קאָרן, ווייץ און וויין.
די רשעים, אָבער, וועלען ווערען פארלוירען,
פון די שונאים פון גאָט איז גאָרניט געוואָרען.
דער רשע לייהט און באַצאָהלט ניט,
דער צדיק, אָבער, איז גנעדיג און גיט.
פון גאָט איז אָנגעצייכענט די טריט פון א מענשען,
אויב זיין וועג איז א גוטער, — וועט ער איהם בענשען.
א קינד בין איך געוועז, אויך אלט געוואָרען,
און האָב ניט געזעהן, אז א צדיק׳ס קינדער זאָלען שנאָרען.
קעהר זיך אָפּ פון שלעכטס, און טהו גוטס,
וועסטו אייביג זיין רוהיג און ברייינגען נוץ.
צדיקים ירשנ׳ען דאָס לאַנד וועלען,
רוהען אייביג אין איהר, און אָנקוועלען.

אין זיין האַרץ איז די תורה פון גאָט,
ער וועט קיינמאָל ניט אויסגליטשען זיין טראָט.
האָף צו גאָט, היט אָפּ זיין וועג,
וועסטו ירשנ׳ען דאָס לאַנד, און קומען צו א ברעג.
ווען די רשעים וועלען אומקומען וועסטו זעהן,
פאר דיינע אויגען וועט עס געשעהן.
געזעהן האָב איך א רשע, ווי הויכער צווייג,
פלוצלינג איז ער געוואָרען איינגעקאָרטשעט ווי א פייג.
איך האָב איהם געזוכט און ניט געפונען,
אלע זיינע פלענער זיינען געוואָרען צערונען.
ס׳איז דאָ א צוקונפט פאר׳ן פרידליכען מענשען,
מיט אלעס גוטעס וועט איהם גאָט בענשען.
די הילף פאר צדיקים וועט נאָר פון גאָט קומען.
פון די רשעים וועט ער זיי רעטען, — זיי וועלען מוזען שטומען.

מזמור לדוד להזכיר

(אויפ׳ן מאָטיוו פון תהלים קאַפּיטעל ל״ח)

אָ, גאָט! שטראָף מיך ניט מיט דיין צאָרן,
און זעה, וואָס פון מיר איז געוואָרען.
דיינע פיילען דורכגעדרונגען האָבען מיך,
דאָס קען קומען צו מיין ענדע גיך.
ניטאָ קיין שלום אין מיין געביין,
איך גיס אויס מיין האַרץ מיט אַ געוויין.
וואָרום אריבער מיין קאָפּ זיינען מיינע זינד,
ווי א שווערע משא פאר א פּיצעל קינד.
איינגעקאָרטשעט בין איך, און שרעקליך געבויגען,
פארצווייפעלט איך בין, — שווארץ איז אונטער מיינע אויגען.
אָנגעפילט מיט וואונדען זיינען מיינע נירען,
דאָס קען צו מיין ענדע לעבען פיהרען.
אָ, גאָט! אַנטקעגען דיר איז מיין גאַנצער באַגעהר,
פון דיר זיך צו באַהאַלטען איז זעהר שווער.
מיין זיפץ פון דיר איז ניט פאַרבאָרגען,
כ׳האָב שוין ניט אזוי פיל קראפט צו זאָרגען.
מיין האַרץ שאָקעלט זיך, — פארלאָזען איז מיין כח,
די שיין פון די אויגען ניטאָ, — אויסגעטריקענט איז מיין מח.
מיינע ליבע און פריינד פון וייטען שטעהען,
מיינע נאָהענטע פון דערוייטענס ברעכען אויס מיט א געוויין.
נעצען צושפּרייטען די, וועלכע זוכען מיין לעבען,
די וואָס ווינשען מיר שלעכטס, — צו טויטען מיך שטרעבען.
און איך, ווי א טויבער, זיך ניט הערען מאַך,
און ווי אַ שטומער, וואָס אַנשטאַט רעדען, גיט ער א לאַך.

אויף דיר, גאָט, געוואַרט האָב איך,
אז דו וועסט מיר ענטפערען געשווינדט, גיך.
טאָמער פרעהען זיי זיך איבער מיר, אָנגעהויבען האָב איך
קלעהרען:

ווען מיין פוס גליטשט זיך אויס, — וואָס קען פון מיר ווערען ?
מיין פארברעכען זאָג איך אויס, — פאר מיינע זינד טהו איך
זאָרגען,

דעם מענשענס געדאנק איז פון דיר, גאָט, שווער צו
פארבאָרגען.

אָבער די פיינד מיינע לעבען א גוטען טאָג,
מיינע אומזיסטע שונאים, — ס׳נעהמט זיי קיין פלאָג.
זיי באַצאָהלען מיך שלעכטס, אַנשטאַט גוטס,
וואָס האָט די וועלט פון זיי פאר א נוץ ?
אָ, גאָט, מיין האַר ! דערווייטער זיך ניט פון מיר,
דו ביסט מיין רעטונג, איך האָף נאָר צו דיר.

למנצח לידותון מזמור לדוד

(אויפ׳ן מאָטיוו פון תהלים קאַפּיטעל ל״ט)

איך האָב געזאָגט: איך וועל אָפּהיטען מיינע וועגען,
ניט צו זינדיגען מיט׳ן צונג, — דאָס איז א פארמעגען.
מיין מויל מיט אַ שלאָס וועל איך באַוואַכען,
בעת דער רשע אַנטקעגען מיר טוהט לאכען.
איך האָב געשטומט אין א שטיל שווייגען,
ווען מיינע וועהטאָגען טוהען מיר אָן אזוי פיל ליידען.
מיין האַרץ זיך צוהיצט האָט אין מיר,
א פייער האָט געברענט אין מיין דענקען דאפיר.
מיין ענדע, גאָט, לאָז מיר וויסען,
וועל איך נאָך אין מיינע טעג עטוואָס געניסען?
טפחים׳וויז האָסטו איינגעהילט מיינע טעג,
יעדער מענש מוז זיין געגרייט אין וועג.
בלויז ווי אַ שטן געהט ער ארום,
ווי פארנאַרישט ער איז, — ווי דום.
ער זאמעלט, ווייסט ניט, ווער ס׳וועט זיי קלייבען,
פאר וועמען וועט עס אלץ איבערבלייבען?
און איצט איז מיין האָפענונג בלויז צו דיר,
לאָז מיך ניט איבער אויף הפקר, — טהו עס פאר מיר.
כ׳האָב געשטומט, מיין מויל פארמאַכט,
ווייל דו האָסט עס געטאָהן, האָב איך מיר גלייך באַטראַכט.
ווענד אָפּ פון מיר דיינע יסורים און פלאָג,
גענוג שוין געליטען וועהטאָג און קלאָג.
הער, גאָט, מיין תפילה, מיין יאָמער פארנעהם,
פארשווייג ניט מיין טרער, — זעה מיך ניט פארשעהם.

למנצח לדוד מזמור

(אויפ'ן מאָטיוו פון תהלים קאפיטעל מ')

האָפען האָף איך צו גאָט,
דערהערט מיין געבעט ער האָט.
ארויסגעהויבען האָט ער מיך פון גרוב,
פון ליים און פינסטערער שטוב.
אריינגעגעבען האָט ער אין מיין מויל א ניי ליד,
לויבען אונזער גאָט ווער איך קיינמאָל ניט מיד.
וואויל איז דעם מענש, וואָס מאַכט גאָט פאר זיין שוץ,
און קערט ניט צו די גרויסהאַלטער, וועלכע ברייגען קיין נוץ.
גרויסעס האָסטו, גאָט, מיין האַר, געטאָהן,
דיינע וואונדער און געדאנקען זעהט מען גלייך אָן.
ניטאָ קיין גלייכען, אָ, גאָט! צו דיר,
אויסזאָגען און רעדען איז עס צופיל פאר מיר.
געקומען בין איך מיט א מגילה אָנגעשריבען,
אויף מיר אליין, דאָס איז מיין פארלאַנג און ווילען.
צווישען מאַסען האָב איך געפּרעדיגט גערעכטיגקייט,
מיינע ליפען ניט פארמיטען צו דערצעהלען דיין מעכטיגקייט.
דיין גערעכטיגקייט אין מיין האַרץ ניט פארדעקט האָב איך,
דיין טרייהייט און הילף דערוואַרטע איך גיך.
דארום, גאָט, דיין מיטלייד פון מיר ניט פארמייד,
דיין חסד און אמת זאָלען מיך היטען, ווייל איך זעהר לייד.
ארומגערינגעלט האָבען מיך צרות, גאָר אָהן אַ צאָהל,
דערגרייכט האָבען מיך מיינע שטראָפען אלע מיטאַמאָל.
זיי זיינען מעהר, וויפיל האָר אויף מיין קאָפּ איך האָב,
מיין האַרץ האָט מיך פארלאָזען אלס צוגאָב.

זיי וויליג מיך, גאָט, צו רעטען,
פארשנעלער מיין הילף, דאָס טהו איך ביי דיר בעטען.
פארשעהמט זאָלען ווערען, וואָסווילען מיך פארניכטען
צוזאַמען,
אהינטער זאָלען זיי אָבטרעטען, — טהו זיי גאָט פארדאמען.
די, וועלכע זאָגען צו מיר: אהא, א פרייד!
וואָס דאָס פארשאַפט מיר גענוג וועהטאָג און לייד.
מיט דיר וועלען זיך פרעהען אלע,
דו וועסט זיי געוויס זיין ממלא.
און איך, אָרעמער, וועגען מיך דענקען זאָלסטו, גאָט,
מיין הילף און רעטונג ביסטו, — מאַך מיר ניט צו שפּאָט.

אשרי משכיל אל דל

(אויפ׳ן מאָטיוו פון תהלים קאַפּיטעל מ״א)

וואויל איז צו דעם, וואָס צום אָרעמאַן קליגט זיך,
אין א קריטישען טאָג וועט ער אויך געהאָלפען ווערען גיך.
פארהיטען און באַלעבען וועט איהם גאָט,
ער וועט באַגליקען אויף דער ערד, וואָס באַשאַפען ער האָט.
אונטערשטיצען וועט איהם גאָט, אויפ׳ן בעט, דעם קראַנקען,
און וועט איהם געזונד מאַכען צו דינען מיט ריינע געדאנקען.
איך זאָג, גאָט, באַגנאַדיג מיך,
שיק מיר א רפואה, וואָס גיך.
מיינע פיינד שלעכטס וועגען מיר טוהען קלעהרען,
ווארטען פאר מיין טויט, — מיין נאָמען זאָל אָפּגעמעקט ווערען.
ווען ער קומט מיך באַזוכען, זיין האַרץ פאלש רעדט,
אויף דעם קען איך שווערען און געהן אין א וועט.
מיינע פיינד וועגען מיר סוד׳ען זיך צוזאמען,
ווי אזוי מיך פון וועג צו קענען אָפּראמען.
מיין פרידען מענש, וועמען איך האָב אָנגעטרויט,
האָט געוואָלט מיך אומברייגגען, וועלכער עסט מיין ברויט.
און דו, גאָט, באַגנאדיג מיך,
וועל איך זיי באַצאָהלען גיך.
דערפון וועל איך וויסען, אז דו ביסט מיט מיר,
ווען מיין פיינד וועט אוועקפאלען ביי מיין טיר.
און איך — פאר מיין אומשולד אונטערשטיץ מיך,
מיין הילף זאָל קומען פון דיר וואָס גיך.

למנצח משכיל לבני קרח

(אויפ׳ן מאָטיוו פון תהלים קאַפּיטעל מ״ב

ווי א הירש, וואָס נאָך טייכען וואסער שרייט,
אזוי זאָלסטו דערהערען מיין געשריי פון דער ווייט.
צום לעבעדיגען גאָט דורשט מיין נשמה,
ווען וועל איך שוין גאָט׳ס פּנים זעהן, און זיין נחמה ?
געוואָרען איז מיר מיין טרער, אַנשטאָט ברויט,
וואו איז דיין גאָט, זאָגען זיי, וואָרום ליידסטו נויט ?
ווען איך דערמאָהן זיך אָן דעם, ווערט אין מיר מיין האַרץ
צוגאָסען,
ווי זיי וואָלטען מיך מיט א קויל ארייגעשאָסען.
ביז גאָט׳ס הויז האָב איך מיט זיי געשפּאַצירט,
אין א יום טוב׳דיגער שטימונג מיט זיי מאַרשירט.
וואָס ביסטו, מיין נפש, אזוי געבראָכען ?
און מיינע גלידער און נשמה אזוי צושטאָכען ?
האָף צו גאָט, איך וועל איהם לויבען,
פאר דער הילף פון זיין פּנים, — וועל איך איהם דערהויבען.
דעריבער וועל איך דיר ביים ירדן דערמאָהנען,
פון דעם באַרג מצער — דיין גרויסקייט דערקאָנען.
זיין חסד זאָגען וועט גאָט בייטאָג,
און ביינאַכט וועל איך זינגען, — אראָפּ וועט מיין קלאָג.
א תפילה פאר גאָט וועל איך זאָגען,
וואָרום האָסטו מיך פארגעסען — מיינע שונאים מיך פּלאָגען !

ווארום שווארץ געה איך ארום ?
מיינע פארפאָלגער קוקען אויף מיר קרום.
ווען זיי טוהען זאָגען שטענדיג צו מיר :
וואו איז דיין גאָט, וועלכער איז מיט דיר ?
וואָס ביסטו, מיין נפש, אזוי פארטרויערט ?
ווען דו זעהסט דיין שונא אויף דיר לויערט.
האָף צו גאָט, איך וועל איהם דאנקען,
פאר דער הילף פון זיין פנים, — און גוטע געדאנקען.

שפטני אלהים

(אויפ׳ן מאָטיוו פון תהלים קאפיטעל מ״ג)

פארטיידיג מיך, גאָט, מיין קריג פיהר אָן,
ווייל אָהן דיר שטעהט מיין לעבען אין קאָן.
פון פאלשע מענשען באַהיט מיך,
און פון זייערע וועגען באַשיץ מיך.
אָ, גאָט! פארוואָס האָסטו מיר פארלאָזען?
און אויף הפקר האָסטו מיר איבערגעלאָזען?
שיק דיין ליכט און דיין ווארהייט ארויס,
צו פיהרען מיך אין דיין געטליכען הויז.
צו דיין הייליגען באַרג ברייגנען וועלען זיי מיר,
בוקען וועל איך זיך דאָרטען פאר דיר.
כ׳וועל דיר דאַנקען, גאָט, מיט האַרף דאָרט,
מיינע געפיהלען אויסדריקען גלייך אויפ׳ן אָרט.
וואָס ביסטו, מיין נפש, אזוי פארטרויערט?
האָב ניט קיין מורא, ווען דער שונא אויף דיר לויערט.
האָף צו גאָט, כ׳וועל איהם נאָך לויבען,
דיין מצב וועט נאָך ווערען דערהויבען.

למנצח לבני קרח משכיל

(אויפ׳ן מאָטיוו פון תהלים קאַפּיטעל מ״ד)

גאָט, געהערט האָבען מיר מיט אונזערע אויערען,
וואָס דו האָסט אויפגעטאָהן, וועט עס אויף אייביג דויערען
דו האָסט פעלקער פארטריבען מיט דיין מאַכט,
אָבער זיי האָסטו איינגעפלאַנצט, פאר א פאָלק געמאַכט.
ניט מיט זייער שווערד האָבען זיי גע׳ירשנ׳ט דאָס לאַנד,
זייער אָרעם האָט ניט געהאָלפען קומען צו א באַשטאַנד.
נאָר דו, אָ, גאָט, מיט דיין אָרעם און רעכטער האַנד,
ווערסטו זיי אריינברייינגען אין דיין הייליגען לאַנד.
מיט דיר וועלען מיר אונזערע געגנער צושטעכען,
און מיט דיין נאָמען וועלען מיר זיי צוברעכען.
ניט אויף מיין בויגען פארזיכער איך זיך,
און מיין שווערד וועט מיר ניט ברייינגען די ישועה גיך.
נאָר דו האָסט אונז גערעטעט פון אונזערע געגנער, אָ, גאָט!
געמאַכט אונזערע שונאים צו שאַנד און צו שפּאָט.
דערפאר האָבען מיר זיך מיט דיר גערינהמט,
אין דיינע וועגען געגאַנגען, — ניט פארקרימט.
און איצט האָסטו אונז פארלאָזען, פארשעהמט,
אונזער מורא איז גרויס, — די הערצער צוקלעמט.
אזוי ווי שאָף צו עסען האָסטו אונז געגעבען,
צווישען די פעלקער אונז פארשפּרייט, — ניט זיכער איז אונזער לעבען.

צווישען אונזערע שכנים צו חרפה אונז געבראַכט,
צווישען אונזערע ארומיגע, — געלעכטער פון אונז געמאַכט.
א גאַנצען טאָג איז מיין שאַנד אַנטקעגען,
די בושה פון מיין פנים פארשטעלט מיר אלע וועגען.

פון דער שטימע, וועלכע זידעלט מיך,
און דער פיינד, וועלכער וויל מיר אומברייינגען גיך.
דאָס אלץ האָט מיט אונז פּאַסירט און געטראָפען.
מיר זיינען מקבל באהבה אלע דיינע שטראָפען.
אונזער האַרץ האָט ניט אָבגעקעהרט צוריק,
מיר זיינען צוגעבונדען צו דיר, ווי מיט שטריק.
אויב פארגעסען דעם נאָמען פון גאָט האָבען מיר,
און פארשפּרייט אונזערע הענד ניט צו דיר.
די געהיימניס פון די הערצער וייסטו דאָך,
אז מיר ליגען אונטער זעהר א שווערען יאָך.
צוליב דיר האָבען מיר זיך געלאָזט מאָרדען, ניט געטראכט,
מיר זיינען געגאַנגען ווי שעפּסען צום שלאכט.
וואָרום שלאָפסטו, אָ, גאָט ? דערוואך !
פארלאָז אונז ניט אויף אייביג, מיר זיינען שוואך.
דיין פנים טהוסט דו פון אונז פארבאָרגען,
פארגעסט אונזער פיין און אונזערע זאָרגען.
אויסגעטריקענט פון וויינען זיינען אונזערע אויגען,
אונזער נפש איז צו דער ערד אין דרייען געבויגען.
קום, אָ, גאָט, העלף אונז ארויס,
צוליב דיין חסד אונז דערלייז.

למנצח על שושנים

(אויפ׳ן מאָטיוו פון תהלים קאפיטעל מ״ה)

צום מלך וועל איך מיינע לידער זינגען,
מיין צונג איז די פען, — מיינע ווערטער וועלען קלינגען.
פון אלע מענשען קינדער שעהנער ביסטו,
חן אויף דיינע ליפען פארמאָגסטו.
דערפאר האָט דיר געבענשט גאָט,
וועלכער אלץ געגעבען דיר האָט.
גורט אָן אויפ׳ן דיך דיין שווערד,
דאָס איז דיין גלאַנץ, רייט ארויס אויף דיין פערד.
פּראָקלאמיר דעם אמת און באַשיידענע גערעכטיגקייט,
אויך גאָטס גרויסע מעכטיגקייט.
פעלקער זאָלען אונטער דיר פאלען,
און דיין זון זאָל אויפשטראהלען.
אן אייביגער און שטענדיגער איז דיין טראָן,
דיין יושר איז פון שטענדיג אָן.
הער צו, טאָכטער, נויג צו דיין אויער,
פארגעס דיין פאָלק און פאָטערס מויער,
דער קעניג פארליבען וועט זיך אין דיר,
דארום בוק זיך צו איהם ביים טיהר.
און די טאָכטער פון צר וועט קומען מיט געשאַנקען,
דיין פנים באַגריסען און דיר באַדאַנקען.
אנשטאָט דיינע עלטערען, וועלען זיין דיינע קינדער,
פאר הערשער זיי מאַכען איבער׳ן לאַנד און רינדער.
שטענדיג דיין נאָמען דערמאָהנען וועל איך,
פעלקער לויבען וועלען שטענדיג דיך.

למנצח על עלמות שיר

(אויפ׳ן מאָטיוו פון תהלים קאפיטעל מ״ו)

פאר אונז איז גאָט א שוץ און מאַכט,
א הילף אין לייד, — שעהנקייט און פראכט.
דארום האָבען מיר ניט מורא, ווען די ערד בייט זיך,
און בערג ברעכען זיך איין גיך.
אויב גאָט איז נאָר אין איהר, וועט זי ניט פאלען,
אפילו מ׳וועט זי מיט קאַנאָנען שיסען, — קנאלען.
ער לאָזט ארויס זיין שטימע, ווערט צושמאָלצען די ערד,
אלע ווערען דערציטערט, חיות, בהמות און פערד.
קומט באַטראכט די אויפטו פון גאָט,
וואָס אלץ אויף דער וועלט באַשאַפען האָט.
מלחמות האָט ער איינגעשטילט ביז עק וועלט,
בויגענס צובראָכען, — ס׳כאַפט אזש אָן א קעלט.
קריגס וועגען אין פייער פארברענט האָט ער,
זיינע וואונדער קען מען זעהן, וואו מ׳גיט זיך א קעהר.
לאָזט אָפּ און פארשטעהט דאָס איך בין א גאָט,
וועלכער אלץ אויף דער וועלט באַשאַפען האָט.

למנצח לבני קרח מזמור

(אויפ׳ן מאָטיוו פון תהלים קאפיטעל מ״ז)

קלאַפּט און אפּלאָדירט, איהר אלע נאַציאָנען,
שאַלט צום מעכטיגען, ווי ווייט איהר וועט קענען.
ווייל ער איז פאָרכטיג, קעניג איבער דער וועלט,
אלצדינג ער האָט באַשאַפען — אויך היץ און קעלט.
פעלקער אונטער אונז אונטערטעניג געמאַכט,
און נאַציאָנען אונטער אונזערע פיס אומגעבראכט.
מיט אַ שאַלונג אויפגעגאַנגען איז גאָט,
מיט א שטימע פון שופר געלאָזט זיך הערען ער האָט.
זינגט צו גאָט, אָ זינגט,
אייער שטימע זאָל זיך הערען, קלינגט.
ווייל א קעניג איבער דער גאַנצער וועלט איז גאָט,
וועלכער הימעל און ערד באַשאַפען האָט.
גאָט האָט זיך איינגעזעצט אויף זיין הייליגען טראָן,
פירשטען פון די אומות זאמלען זיך אָן.
אלע האַרען פון דער וועלט צום מעכטיגען זיך ווענדען,
זיי בעטען ביי איהם אלע, — ער זאָל זיי ניט אומברענגען,
פארלענדען.

שיר מזמור לבני קרח

(אויפ׳ן מאָטיוו פון תהלים קאפיטעל מ״ח)

גרויס איז גאָט, און זעהר דערהויבען,
אין דער שטאָדט פון אונזער האַר דארפען מיר איהם לויבען.
א פראכטפולע הויך, פון גאָר דער וועלט די פרייד,
איז דער באַרג ציון, וואָס מאַכט פארגעסען אלע לייד.
באַוואוסט אין איהרע פּאַלאַצען איז גאָט געוואָרען,
פאר אַ פעסטונג, — איז זי ווי געבוירען.
ווי הערשער האָבען זיי פארזאמעלט זיך,
ווי זיי האָבען דערזעהן, — אזוי זיינען זיי אַנטלאָפען גיך.
א ציטער האָט זיי אָנגענומען דאָרט,
ווי א געווינערין, — גלייך אויפ׳ן אָרט.
ווי מיר האָבען געהערט, אזוי האָבען מיר געזעהן,
אין דער שטאָדט פון גאָט איז עס געשעהן.
דיין רעכטע האַנד איז פול מיט דיין גערעכטיגקייט,
דער באַרג ציון וועט זיך פרעהען מיט דיין מעכטיגקייט.
רינגעלט ציון ארום און ארום,
איבערצעהלען איהרע טורעמס איז אויך ניט קרום.
צושפרייט זיך איבער איהרע פּאַלאַצען,
וועט איהר קענען איהר שעהנקייט אָפּשאַצען.
כדי צום קומענדען דור זאָלט איהר קענען דערצעהלען,
אז גאָט, אונזער האַר, קען אלעס פארהיילען.

למנצח לבני קרח מזמור

(אויפ׳ן מאָטיוו פון תהלים קאפיטעל מ״ט)

הערט זיך איין, אלע פעלקער, וואָס איך אייך זאָג,
אז פאר אלע מענשען, אָרעם אָדער רייך, מוז קומען דער טאָג.
איך נויג צו מיין אויער, איך דערקלעהר עס מיט א האַרף,
מיין משל און חידה וועט איהר פארשטעהן קלאָהר און שאַרף.
וואָרום זאָל איך מיך שרעקען אין דער צייט פון שלעכט ?
ווען די זינד מיינע רינגלען מיך ארום דורך טעג און נעכט,
די, וועלכע פארלאָזען זיך אויף זייער מאַכט,
און זייער רייכקייט האָט זיי כבוד געבראכט.
זיין נפש קען ער ניט אויסלייזען צו אייביג לעבען,
צו גאָט, קיין אויסקויף-געלד, קען ער ניט געבען.
ער דענקט אודאי, אז ער וועט די גרוב ניט זעהן,
אז מיט איהם קען עס ניט פאסירען, געשעהן.
זעהט ער דאָך אליין, אז חכמים אויך שטאַרבען,
צוזאמען מיט׳ן נאַר און אומוויסענדע ווערען פארדאָרבען.
איבערלאָזען זייער פארמעגען אין פרעמדע הענט,
און זייערע פאַלאַצען — מיט די באַפוצטע ווענט.
דער מענש, וועלכער וויל עס ניט פארשטעהן,
איז ווי א בהמה, וואָס ווייסט ניט, וואָס מיט איהר וועט געשעהן.
זיי זיינען אויסגעזעצט צום אומקום אזוי ווי שאָף,
אזוי מוז דער מענש געהן צום אייביגען שלאָף.
מען וועט טרעטען איבער זיי אין א פריהמאָרגען,
ס׳וועט זיי גאָר ניט העלפען זייער זאָרגען.

נאָר גאָט קען מיין נפש דערלייזען,
ווען ער נעהמט מיר צו זיך פונ׳ם קבר דעם בייזען.
פארדריסען זאָל דיר ניט ווען איינער ווערט רייך און גרויס,
ווען ס׳פארגרעסערט זיך דער פארמעגען פון זיין הויז.
קיין זאך נעהמט מען ניט מיט זיך אין גרוב,
זיין רייכטום וועט מען איהם ניט געבען אין דער פינסטערער שטוב.
א מענש, וועלכער וויל עס פאָרט ניט פארשטעהן,
איז ווי א בהמה, וואָס ווייסט ניט, וואָס מיט איהר וועט געשעהן.

מזמור לאסף

(אויפ'ן מאָטיוו פון תהלים קאַפּיטעל נ')

דער אלמעכטיגער האָט גערעדט — דער אייביגער גאָט,
גערופען די ערד, וועלכע באַשאַפען ער האָט.
ער שווייגט ניט, — אָט קומט אונזער גאָט,
א פייער פלאקערט פאָראויס, וואָס געמאַכט ער האָט.
ער רופט דעם הימעל און די ערד צו משפט'ן זיין פאָלק,
קלייבט מיר צונויף די פרומע מיט אָרדענונג און טאָלק.
די הימלען דערצעהלען זיין גערעכטיגקייט,
אז גאָט איז א שופט פון גבורה און מעכטיגקייט.
הער צו, מיין פאָלק, איך וועל עטוואָס רעדען,
ישראל — דו מוזט איינמאָל פאַר אלע מאָל ענטשיידען!
ניט צוליב דיינע אפפערס וועל איך דיר שטראָפען,
און ניט אויף דיינע עולות זאָלסטו האָפען.
הונגער איך? — דארף איך דיר ניט זאָגען,
ווייל דער הונגער קען מיך ניט פלאָגען.
דארף איך דען אָקסען-פלייש און בלוט?
וואָס ביי מיר איז עס אומווירדיג — ניט גוט.
באַצאָהל צו גאָט א קרבן פון דאַנק,
דאָס האָב בעסער אויף דיין געדאנק.
באַצאָהל צום אויבערשטען דיינע צוזאָגען,
וועט דיין געוויסען דיר קיינמאָל פלאָגען.
און צום רשע זאָגט גאָט:
ווי קומסטו רעדען פון מיינע געבאָט?
דו האָסט דאָך מוסר גאָר פיינט,
שוין ניט פון נעכטען און ניט פון היינט.

ווען דו זעהסט א גנב, לויפסטו מיט איהם גלייך,
ווייל נאָר פון גנבה ווילסטו ווערען רייך.
דיין מויל רעדט שטענדיג שלעכטס,
מיט פאלשקייט דיין צונג דרעהסטו, לינקס און רעכטס.
אויף דיין אייגענעם רעדסטו אָן,
ווען אפילו זיין לעבען שטעלסטו אין קאָן.
באַטראכט עס, איהר, וועלכע פארגעסט אָן גאָט,
איך וועל אייך ניט רעטען, — און מאַכען צו שפּאָט.
נאָר דער וועלכער עהרט מיך מיט כבוד און דאנק,
יענעם וועל איך העלפען, — וועל איהם האָבען אין געדאַנק.

ואלה יעמדו על הברכה!

IN GRATITUDE!

ATLANTIC CITY, N. J.

Mr. & Mrs. David Peskoe

BALTIMORE, MD.

Mr. & Mrs. David S. Jaffe
Rev. & Mrs. Israel Berman
Rev. M. S. Oppenheim
Mr. & Mrs. Isaac Shapiro
Rev. Kinek
Congregation Shaarei Zion
Mr. O. Meyerhoff
Rev. Abraham Selsky
Mr. M. Richman
Mr. M. Small
Mr. L. Zalis
Rev. Freistadt
Rabbi N. Drazin
Mr. A. Drazin
Mr. Jacobson
Mr. Silver
Mr. Fleisher
Mr. H. Sacks
Mr. M. L. Fine
Rev. Jacob Kreistman
Mr. Bass
Mr. M. Shulman
Rabbi A. Koblentz
Rabbi Samuel Rosenblatt

BAYONNE, N. J.

Mr. & Mrs. Blatt
Mrs. Esther Goldman
Mrs. Z. Seidman
Mr. David Metzer
Mrs. Ch. Reicher
Mr. S. Flier
Mr. A. Berkowitz
Mrs. F. Samson
Mr. I. Vigdor
Mr. S. M. Charney
Mr. H. Halpern
Mr. Ch. Werner
Mr. Ch. Cohen
Mr. B. Ketzel
Mr. I. Rothblatt
Mrs. Yetta Vigdor
Without a name
Mr. & Mrs. Weiss בת ר' משה יעקב
Mr. & Mrs. Berman
Mrs. & Mrs. Weiss & Esther
Mr. & Mrs. Isidore Leibowitz
Congregation Ohav Sholem

BELMAR, N. J.

Cong. Sons of Israel
Mr. & Mrs. I. Kristman
Mr. & Mrs. Sol. Konwitz
Mr. & Mrs. Sam Michelson
Mr. Charles Goldstein
Hotel Carleton
Mr. & Mrs. Sam Kaplan

BRADLEY BEACH, N. J.

Rabbi S. Gewirtz
Mr. & Mrs. N. Brenner
Mr. I. Reichlin
Mr. F. S. Horowitz
Congregation Agudath Achim
Mr. Hillel Ash
Mr. G. Orenstein

BROOKLYN, N. Y.

M. Ausenberg
Mr. & Mrs. H. Rothstein
Mr. & Mrs. M. Rosenberg
Mr. David Sabed
Mr. Susman Silberberg
Mr. Hyman Weisel
Rev. Jacob Wanderer
Rev. Samuel Weisser
Mr. S. Blum
Mr. Israel Newman
Rev. Goldbrenner
Mr. Denkenson
Mr. & Mrs. N. Kaplan
Rev. Charles Stein
Mr. Abe Gibner
Mr. Joseph Keiser
Mr. M. Polevay
Mr. Goldstein
Mr. J. Liebman
Rev. & Mrs. Freedman & Daughter
Rev. David Speiser
Rev. L. Klansky

שרגא ב״ר יוסף זכריה וואלף ז״ל
ר׳ דוד עזריאל וזוגתו מרת שיינע רבקה טילמאן
ובנם חיים משה שמחה

Mr. & Mrs. Hyman Jaffe
Mrs. Kirschenbaum
Mrs. Holtzman
Mrs. Goldshall
Mrs. Bernstein
Mrs. Wilner
Mrs. Fincher
Mrs. Denkenson
Mrs. Kaplan
Mrs. Oxman
Mrs. Appel
Mr. Kaplan
Mr. Shtaber
Mr. Leibowitz
Mr. Berman
Mr. Samuel Berman
Mr. Kaplan
Mr. Ph. Shapiro
Mrs. Chane Shapiro
Mr. M. Cohen
Mr. S. Fingerhut
Mrs. Chave Marcus
Mrs. S. Golub
Mr. E. Linetsky
Mr. M. Abramson
Mr. J. M. Shapiro
Mrs. Chasin
Mr. Abraham Zemler
Mrs. S. Silverman
Mrs. G. Kuritsky
Mrs. Chave Goldstein
Mrs. Sarah Smaller

ר׳ בן ציון ב״ר חיים יוסף
ישיבת רבנו ר׳ מאיר שמחה הכהן אָוו איסט פלעטבוש

CAMBRIDGE, MASS.

Dr. & Mrs. Benjamin Shevach

Mr. & Mrs. J. Kaplan
Mrs. Alice Shevach
Mr. & Mrs. H. Jablow
Mr. & Mrs. Israel Ratner

HOBOKEN, N. J.

Rev. & Mrs. Abraham Friedman
Rev. Joseph Friedman

JERSEY CITY, N. J.

ר׳ משה צבי וזוגתו חיה בערמאן
ר׳ אברהם וזוגתו בערמאן
מר דובער וזוגתו שרה ספעקטאר
ר׳ יחיאל וזוגתו שרה בערמאן
ר׳ יהושע וזוגתוביילה בערמאן
ר׳ ישראל וזוגתו אסתר בערמאן

Grandchildren

ישראל לייב, העניע, שלום, הענע, מלכה, דינה, אנעט,
חנה באשע, יעקב ראובן
ר׳ יצחק ב״ר בן-ציון ובתו הכלה מרים, לזכר נשמת זוגתו
ואמא פייגה בת ר׳ דוב הלוי סאווידאנסקי
מר ר׳ ישראל וזוגתו רבקה עם משפחתו מיללער
מר בצלאל מאיר וזוגתו שרה קריגער

MILFORD, MASS.

Mr. Wm. Harris
Mr. Morris Sneiderman
Mr. Calmen Chefetz

NEW YORK, N. Y.

Rev. Naftoli Yolles
Rev. & Mrs. Nathan Schwartz
Rev. Wm. Partnow
Rev. Gershon Wollman
Rev. Reuben Markowitz
Mr. Louis Gerson, *Publisher "Jewish American"*

Rev. Joseph Morgenstern
Mr. Sam Binn
Mr. S. Weisser
Mr. Sam Mogulwsky
Rev. Aaron Feier
Mr. Israel Orenstein
Miss Sandra Kaback
Mrs. Shelafsky
Mr. L. J. Ellbogen
Rev. Asher Mandelblatt

ר׳ יוסף חיים ב״ר יוחנן האכמאן וזוגתו עלקע
רבקה בת ר׳ יוסף חיים
זאב וזוגתו פראדעל
שלמה ב״ר יוסף חיים
ר׳ פנחס וזוגתו רחל
יוכבד בת רבקה
לוי בן רבקה
מרדכי בן רבקה
רייזיל בת ר׳ פנחס
מרת מרים בת ר׳ שמואל דינענזאן ובנה דוד ב״ר אליהו
ר׳ דוד ארי׳ ב״ר צבי פאזנער וזוגתו
יום טוב יונה ליפא ב״ר משה עלבאגען

PHILADELPHIA, PA.

Dr. & Mrs. Bernard L. Kahn
Mrs. Dina Strauss
Mr. & Mrs. N. A. Kahn
Mr. & Mrs. J. M. Wainer
Mr. & Mrs. J. J. Strauss
Mr. & Mrs. Irving Strauss
Rev. & Mrs. M. Kahn

PORTCHESTER, N. Y.

Mr. E. Cohen
Mr. L. Falk

Mr. T. Langer
Israel Katz in memory of his wife Frume Esther
Mr. S. Katz

הכנסת אורחים אָון פּאָרטשעסטער, נ. י.

ROXBURY, MASS.

Mr. & Mrs. Philip Samick
Mr. & Mrs. J. Sherman
Cantor & Mrs. Leo Lange

SOMERVILLE, N. J.

Somerville Hebrew Congregation

SYRACUSE, N. Y.

Mr. & Mrs. Morris Carlin
Mr. & Mrs. Charles Resnick
Mr. & Mrs. David S. Altfield
Mr. & Mrs. Jacob & Rose Levine
Rabbi Samuel Yallow
Rev. Moses J. Braude

WASHINGTON, D. C.

Mrs. G. Rose & Daughter
Mr. & Mrs. Sam Rose
Mr. & Mrs. Arthur Rose

WORCESTER, MASS.

Rev. & Mrs. M. A. Wilner
Mr. & Mrs. Harry Medlinsky
Medlinsky Dairy Co.
Mr. & Mrs. Abe Siegel